№ 18 ...łacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Kraków
św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek d. 4 maja 1934 | ליכט-צינדען 6.48 | פרייטאג פ' אמור י"ט אייר תרצ"ד.

B. P.
z FRYDMANÓW
SOLA PRASZKIEWICZOWA
zmarła po długich i ciężkich cierpieniach, przeżywszy lat 37.
Wyprowadzenie drogich nam zwłok odbyło się w piątek, dnia 27-go kwietnia 1934 r. (י"ב אייר תרצ"ד)
Wszystkim tym, którzy oddali ostatnią posługę drogiej nam zmarłej, wyrażają serdeczne podziękowanie
Mąż, Dzieci, Rodzice i Rodzina.

השתתפותנו החמה מובעת בזה **למשפחת קפלן**
לרגלי האסון, שקרה להם במות עליהם בעלה ואביהם
ר' יצחק הכהן **קפלן** ז"ל
בתוך שאר אבלי ציון ינוחמו.
יעקב לוויט ומשפחתו.

Z intencji zaręczyn naszej koch. cioci
HELI RYCHNER
z p. SAMUELEM MEITLISEM
życzy wiele szczęścia
Gustaw Frydman z Żoną

Kochanej cioci HELI RYCHNER
z okazji Jej zaręczyn
z p. SAMUELEM MEITLISEM,
życzy szczęścia i pomyślności
Natan Misko.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
העלא ריכנער מיט ה' **שמואל מייטליס**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
ישעיהו מיסקע און פרוי.

דער פרל. **העלא ריכנער**
צו איהר תנאים מיט ה' **שמואל מייטליס**
אונזער הארציגסטען מזל-טוב
אסתר און יעקב ראזינער.

חברי וש"ב, **יהודה לייב זלוטניק!**
קבל נא את אחולי הלבביים לנשואיך עם
העלמה **רחל פרישמן!**
יהי רצון, שתזכו להגשמת שאיפותיכם.
הירצקה הופמן.

ברכתנו הלבבית למשפ.ת **דזיאבא** לארוסו בתם **רבקה**
עם בחירת-לבה מ' **שמואל שמולביץ.**
לזוג הנגו מאחלים שיבנו את עתידם בארץ-אבותינו.
יעקב גליקסמן, יואל ברון
וצבי שאיא.

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטערן-זוהן
לעאן זלאטניק מיט פרל. **רחל פרישמאן**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
די עלטערן ווינשען מיר פון זיי צו האבען פיעל נחת.
בעריל האפמאן און **פרוי.**

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדער איך אויף די ה"ה: מ. קרינקרויט פון מיקאלאוו און זיין שוויגער-פאטער בערל בידע טשענסטאכאוו, ווארשאווער 58 מיר צו בעצאהלען דעם חוב פון צירקא 1200 זל. ביז דעם 10-טען מאי ד. י. אין געגענפאל וועל איך זיין געצווינגען אנצונעמען געהעריגע שריט און די אחריות וועט איהר טראגען.

ש. דיאמענט, זאוויערטשע.

KRYSIOA
Dr. med. Berkman
Tatarska האט זיך איבערגעצויגען פון ווילע
אין ווילע **ROYAL** פריהער (קאראלובקא)
ארדינירט, ווי געוועהנליך, א גאנץ יאהר.

כוס תנחומים.
בלב נשבר אני משתתף בצערו העמוק של חברי היקר
יהודה ארי' נ"י הכהן **קאפלאן** במות עליו אביו
החסיד המצוין
יצחק ז"ל
בעבודתך בעד ארצנו הקדושה תמצא נחומים.
חביוך **מרדכי באומבערג.**

מיט געבויגענע קעפ שטעהען מיר ביים פרישען קבר פון
דעם הארציגען מענשען-פריינד און וואריםען יוד און
בעווייגען דעם טויט פון
ר' **יצחק קאפלאן** נ"ע
דער איבערגעבליבענער פאמיליע דריקען מיר אויס דעם
דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
אלטע חי' פראנק און פאמיליע.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד ה' **דוד**
פראשקעוויטש צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין פרוי
וואס איז פון איהם אין בליהענדן עלטער אוועקגעריסען געווארען
נ"ע **שרה**
המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיפו לדאבה עוד.
אברהם אבע קאנגרעצקי און **פרוי.**

צוזאמען מיט דער **פאמיליע פרידמאן** בעוויינען מיר דעם
פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבער און אונפערגעסליכער טאכטער
נ"ע **שרה פראשקעוויטש**
המקום ינחם איתם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
דוד קאנגרעצקי און **פרוי.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד ה' **דוד**
פראשקעוויטש צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין אונ-
פערגעסליכער פרוי
נ"ע **שרה**
בנחמת ציון ינחם.
דוד קאנגרעצקי און **פרוי.**

Głęboko dotknięci śmiercią
b. p. Soli Praszkiewiczowej
wyrażają szczere współczucie Rodzinie
Jakubostwo Szpalten.

Głęboko przejęci przedwczesną śmiercią
b. p. Soli Praszkiewiczowej
wyrażają MĘŻOWI i RODZINIE serdeczne współczucie
Bernardowie Grylak.

בזה הננו מביעים את רגשי השתתפותנו החמה בצערה העמוק של
משפחת פרשקוויץ למות עליהם אשתו ואמם
שרה ז"ל
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
משה שטרנזיס ורעיתו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די פאמיליעס **פרידמאן** און **פראשקעוויטש**
צום טויט פון זייער ליעבער טאכטער און פרוי
נ"ע **שרה**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
חנה שאיא און **פאמיליע.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון די **פאמיליעס פרידמאן** און **פראשקעוויטש**
צום פריהצייטיגען טויט פון זייער ליעבער טאכטער און פרוי
נ"ע שרה
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
שלמה קינסטליכער און **פרוי.**

צוזאמען מיט דער **פאמיליע קאפלאן** בעוויינען מיר דעם
טויט פון זייער ליעבען מאן און פאטער, אונזער הארציגען פריינד
ר' יצחק נ"ע
און דריקען אויס דער איבערגעבליבענער פרוי, קינדער און משפחה
דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
יעטטא גאלדבערג
און פאמיליע.

צוזאמען מיט דער **פאמיליע קאפלאן** בעוויינען מיר
דעם פלוצלינגען טויט פון זייער ליעבען **מאן** און **פאטער**
אונזער געאכטעטען פריינד
ר' **יצחק** הכהן ז"ל
און דריקען אויס דער איבערבליבענער פרוי און קינדער דעם
טיעפסטען מיטגעפיהל
פאמיליע שעפטעל.

Wszystkim, którzy oddali ostatnią posługę zwłokom
nieodżałowanej MATKI i BABKI naszej
b. p. **ERNESTYNY WIENER,**
składamy z głębi serca podziękowanie
DZIECI i WNUKI.

Państwu ANNIE i ADAMOWI WIENER,
wyrażają szczere współczucie z powodu śmierci Ich niezapomnianej MATKI
b. p. ERNESTYNY WIENER
Maks Nirenberg z Żoną i Dziećmi.

P. Dawidowi Praszkiewiczowi
z powodu przedwczesnej śmierci **Jego Żony**
b. p. SOLI
wyrazy szczerego współczucia składają
Salomonowie Gąsiorowicz.

ענטלויף נישט פון גליק!

אויף די גאסען פון שטעדט און שטעדטלעך, פון אלע פענסטער פון די קאלעקטארען דערמאנען זיך פלאקאטען און אויפשריפטען וועגען דער דערנעהנטערענדער ציהונג פון דער 4-טער קלאס מלוכה-לאטעריע.

נישט איינמאל געהערט פערביי גלייכגילטיג נעבען די דאזיגע „קוועלעס פון גליק" — און שפעטער, ווען דיין פריינד, שכן אדער בעקאנטער געווינט גרעסערע סומעס, קאנסטו דיר נישט מוחל זיין, אז דו האסט זיך נישט פערזעהען אין דער געהעריגער צייט מיט א לאטעריע-צעטיל.

חזר נישט איבער ווידעראמאל דאס זעלבע, ענטלויף נישט פון גליק! קוים איין טאג טיילט אונז אב פון דער ציהונג פון דער פערטער קלאס...

אויב דו וואלסט דאסמאל ווידער פערשפעטיגט צו קויפען א לאס, אזוי ווי דו האסט עס געטהון אין די פריהערדיגע קלאסען, וואלט דער שאדען געווען א בעדייטענד גרעסערער. אין דער פערטער קלאס קאנסטו געווינען א מיליאן זלאטעס, אין א גליקליכען צופאל צוויי מיליאן זלאטעס. אויסער דעם מיליאן האסטו קאלאסאלע שאנסען צו געווינען א גאנצע רייהע גרעסערע סומעס און נעמליך: 250.000, 150.000, 100.000, 50.000, 20.000 און פיעל אנדערע קלענערע סומעס.

פערגאכלעסיג נישט דעם ענין. בעגעה נישט דאס מאל דעם פעהלער, כדי שפעטער זאלסטו נישט דארפען זיך מאכען ביטערע פארוואורפען, אז דו ביזט אליין ענטלאפען פון גליק.

פערזעה זיך גלייך מיט א לאס!

ס'איז נאָך נישט צו שפּעט!

דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט זיך צוגלויבּען איז דאָך געשעהן. דער אייגהייטליכער בּלאָק פון אַלע טשענסטאָכאָווער יודען צו די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט, וואָס איז פאַר אַלעמען געווען זעלבּסטפערשטענדליך, אַז עס מוז און וועט געשעהן. איז דאָך נישט צושטאַנד געקומען און דערווייל פיגורירען צו די וואַהלען צוויי יודישע בּירגערליכע ליסטעס.

עס איז פּשוט נישטאָ קיין ווערטער מיט וואָס מען זאָל דעם דאָזיגען אומפעראַנטוואָרטליכען טהאָט אָנרופען. ווער האָט געגעבּען די הערען פון דער שטענדיגער אָפּאָזיציע דאָס רעכט אַזוי צו האַנדלען. צי איז שוין טאַקי דאָס יודענטום אין טשענסטאָכאָוו הפקר, אָדער צי זענען זיי אפשר אַזוי דום אַז די פּאַטענטירטע פאַרשטעהער, וועלכע האָבּען זיך ארויפגעכאַפּט אויפ'ן זאַטעל, מעגען אין זייער נאָמען טהון, וואָס נאָר זיי ווילען, אַפילו זיי אויסשטעלען צו-שאַנד און צו-שפּאָט, פערראַטען זייערע לעבּענס-אינטערעסען און אַלץ צוליעבּ פּערזענליכע קרענקליכע אַמבּיציעס?!

עס איז דאָך קלאָר, אַז אויבּ מיר וואָלטען נאָך געקאַנט בּיי דער היינטיגער אָרדינאַציע בּעקומען 8—9 מאַנדאַטען, קאָן עס נאָר זיין בּיי אַן'איינהייטליכען פראָנט פון גאַנצען טשענסטאָכאָווער יודענטום. אויבּ מיר וועלען אָבּער געהן מיט צוויי ליסטעס, וועלען מיר גאַרנישט אָדורכפיהרען און די טשענסטאָכאָווער יודען, וועמעס בּלוטיגע אינטערעסען דער שטאָדט-ראַט בּעהאַנדעלט, וועלען בּלייבּען אָהן פערטיידיגער און אָהן אַ פאָרשטעהער.

דאַן האָט אויך דאָס, וואָס עס איז נישטאָ קיין אייגהייטליכער בּלאָק, נאָך אַ מאָראַלישע בּעדייטונג. עס האָט זיך געקאַנט דאַכטען, אַז דאַדורך, וואָס דאָס גאַנצע טשענסטאָכאָווער יודענטום וועט ארויסטרעטען אייגהייטליך, וועט עס זיין מכּח צו לעשען דאָס פייער, וואָס בּרענט די לעצטע יאָהרען און דאָס וועט זיין דער אָנהויבּ פון אַ פערשטענדיגונג פון פרידליכער אַרבּייט, נישט בּלויז אויפ'ן געבּיעט פון שטאָדט-ראַט, נאָר אויך אין דער קהלה און אַנדערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. ווי עס ווייזט אָבּער אויס, האָבּען די שטענדיגע מחררי-ריב נישט צוגעלאָזט צו דעם, אדרבּה, זייער חיות איז, אַז עס זאָל קיין שלום נישט זיין, ווייל מחלוקות איז זייער לעבּען;

דאָס איז דער קוואַל, וואָס גיט זיי גייסטיגע חיונה און דערפאַר האָבּען זיי מיט אַזאַ לייכטזין, אָהן פיצעל פעראַנטוואָרטליכקייט, אָבּגעוואָרפען דעם פאָרשלאַג וועגען אַן'איינהייטליכער ליסטע צום שטאָדט-ראַט.

צו האָבּען זיך די דאָזיגע הערען אָבּגעגעבּען אַ דין וחשבּון, ווי אַזוי דער וואַהל-קאַמף וועט אויסזעהן, צו פערשטעהן זיי נישט, אַז אויבּ בּיז איצט האָט געהערשט נענוג שנאה, וועט עס איצט נאָך מעהר פערדאָפּעלט ווערען. מען וועט גיסען גאַנצע עמערס שמוץ איינער אויפ'ן אַנדערען, און דאָס צוריסענע, צובּראָזגעטע יודישע לעבּען וועט נאָך מעהר פערציפּושט ווערען?!

צו-וואָס, צו-ווען? ווער דאַרף דאָס האָבּען, וועמען איז דאָס נויטיג? פאַר-וואָס זאָלען מיר זיין אַזוי פערשאָלטען, אַז עס זאָלען זיך נישט געפונען בּיי אונז כאָטש אַ בּיסעל טרליכע עסקנים, וועלכע זאָלען האָבּען אחרית פאַר דעם כּלל, וועלכען זיי פערטרעטען?

רבּותי! נאָך נישט איז אַלץ פערלוירען. עס זענען, אמת, פערהאַנען נאָר עטליכע געצעהלטע טעג, אָבּער זיי זענען גענוג זיך אָבּצוגעבּען אַ דין וחשבּון וועגען די מעשים, וואָס איהר טהוט און וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען. אין דער לעצטער מינוט דאַרפט איהר נאָך תשובה טהון, און אויף איין מינוט אָוועקטרייבּען די בּייזע חעסליכע מחשבות, וואָס פערנעמען אייער וועזען און זיך זאָגען: אַ סוף זאָל עס נעמען. פאַר דער טובה פון כלל וועלען מיר פערציכטען אויף אייגענע אַמבּיציעס, און מיר וועלען זיך אָנשליסען אין כּלל ישראל.

מאַכט דעם חשבון הנפש, זייט אויף איין מאָמענט אויפריכטיג און פעריכט דעם פעהלער, וועלכען איהר האָט צייטוויילינג געמאַכט!

אַן'איינהייטליכער פראָנט פון אַלע יודען אין טשענסטאָכאָוו צו די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט מוז זיין —

ס'איז נאָך נישט צו שפּעט!

ש.

לעצטע סעזאָן-נייהייטען

צו די בּיליגסטע פּרייזען

איז נאָר בּיי

י. רזאַנשינסקי 2 אַלעע 29

די 3-מאי-פייערונגען אין טשענסטאָכאָוו.

די היי-יעהריגע פייערונגען לכבוד דעם 3 טען מאַי זענען אויסגעפאַלען זעהר אימפּאָזאַנט. אַ דאַנק דעם זוניגען און זעהר וואַרימען וועטער האָבּען אַ גאַנצען טאָג געשטראָמט אין די גאַסען פּיעל טויזענדער מענשען און פון אין דער פריה אָן איז די בּעוועגונג אין שטאָדט געווען אַ זעהר בּעלעבּטע.

אין דער שטאָדט-שוהל

האָט אָבּגעריכט די תפילות דער שטאָדט-חזן ה' בּאַדאַש אין דער בּעגלייטונג פון כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראָטענבּערג.

דאַן האָלט דער רב ר' נחום אַש אַ רעדע מעניגאַ דיומא אין פּויליש און יודיש און דער כאָר זינגט דעם פּוילישען היִמן.

אין דער פייערונג האָבּען אַנטיילגענומען פאָרשטעהער פון דער ציווילער און קאָמונאַלער מאַכט. פרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג ה' יעקב ראָזענבּערג, דאָזאָר ה' ווילהעלם זשעריקער א. א. אויך זענען געווען אָנוועזענד די האַנדווערקער-צעכען מיט זייערע פעהנער, די האַנדווערקער-שולע, דער „בּיתר“, „בּרית-ההייל“ אין זייערע מונדירען און עטליכע שולען.

אין דער נייער סינאַגאָגע

האָבּען זיך פערזאַמעלט די שילער פון יודישען גימנאַזיום, פּרל. ווײַנשטאָק'ס שולע און די פּאָווּשעכנע שולען. די קהלה איז געווען פערטרעטען דורך דעם פרעזעס פון ראַט ה' חיים וועקסלער א. א.

די תפילות האָט אָבּגעריכט אין בּעגלייטונג פון דער פּוסהאַרמאָניע דער אָבּערקאַנטאָר ה' פּישעל.

אַ רעדע מעניגאַ דיומא האָט געהאַלטען דער פּרעדיגער ד"ר הירשבּערג.

די פייערליכקייט איז פערענדיגט געוואָרען מיט'ן געזאַנג פון פּוילישען הימן.

אַרום 12 אַ זייגער מיטאָג איז אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ פאָרגעקומען אַ דעפילאַדע פון די אין טשענסטאָכאָוו סטאַציאָנירענדע פּולקען, פייערלעשער מיט זייערע מאַשינען, מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, שולען א. ד. גל. די דעפילאַדע האָט בּייגעוואוינט אַ פּיעל-טויזענדקעפּיגער עולם.

נאָכמיטאָג זענען פאָרגעקומען קאָנצערטען אין פּאַרק און אין שטאָדט. אין אָוונד איז פאָרגעקומען אַ פייערליכע פאָרשטעלונג אין קאַמעראַל-טעאַטער.

דער 1-טער מאַי אין טשענסטאָכאָוו.

דער ערשטער מאַי איז אין אונזער שטאָדט פאָריבּער רוהיג.

די ערשטע איז פאָרגעקומען 9 פריה די געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע פון די „אונאָבּהענגיגע“, פּועלי-ציון רעכטע און לינקע און די חלוצים פון דער גערטנער-פערמע. די לעצטע האָבּען מיט זייער האַלטונג און זינגען בּעשענערט די דעמאָנסטראַציע. דער געמיינזאַמער צוג אין דער צאָהל פון אַרום 400 פּערזאָן איז געגאַנגען בּיז צו דער בּאַהן-בּריק און דאַן צוריק אויפ'ן הויף ב. יאָסעלעוויטשאַ 8, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ מיטינג.

אַרום 11 אַ זייגער איז פון קאַטעדראַלנאַ גאַס אַרויס אין שטאָדט אַריין דער אַרום 1000-קעפּינער דעמאָנסטראַציע-צוג פון ז.ז.ז. (פעראיין פון פּראָפ. פעראיינען), וועלכער האָט אַרומגעקרייזט די 1 אַלעע בּיז צום מאַגיסטראַט-פּלאַץ און פון דאָרט געגאַנגען אין קינאָ „לונאַ“, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַן'אַקאַדעמיע.

אין דער זעלבּער צייט איז פון לאָקאַל פון פּ.פּ.ס. אויף אַלעע וואָלנאָשטשי אָנגעקומען דער געמיינזאַמער צוג פון פּ.פּ.ס. צוזאַמען מיט'ן „בּונד“, וועלכער איז פון פּילסודסקי גאַס דורכ'ן פּרזשעיאַזד צוגעגאַנגען צום לאָקאַל פון פּ.פּ.ס. די דאָזיגע געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציע איז געווען די גרעסטע פון אַלע און האָט געצעהלט איבּער 3000 פּערזאָן. די דעמאָנסטראַציע איז דורך די אַלעען געגאַנגען צום מאַגיסטראַט-פּלאַץ און פון דאָרט צוריק צום לאָקאַל, וואו זי איז נאָך אַ רייה רעדעס אויפגעלעזט געוואָרען.

די גרעסערע פאַבּריקען, ווי „סטראַדאָם“, „גנאַשין“ און „ראַקוּבּ“ זענען נישט געווען טעטיג. אין די אַנדערע פאַבּריקען האָבּען זיך די אַרבּייטער אין דער גרעסטער טייל געשטעלט צו דער אַרבּייט.

פון בּית"ר.

די היי-יעהריגע ל"ג בּעומר מאַניפעסטאַציע איז אָבּגעלעגט געוואָרען פון דאַנערשטאָג אויף זונטאָג דעם 6-טען ד. ח. דער צוזאַמענטרעף-פונקט פאַר אַלע רעוויזיאָניסטישע גרופּירונגען איז אַל. קאָשטשושקי 16 פּונקטליך 8 אַ זייגער פריה און פון פּלאַץ אַן'אויספלוג קיין יאַסקרוב.

פון בּרית החיל.

זונטאָג, דעם 28.4 איז פאָרגעקומען אַ אינספּעקציע פון גאַנצען קן מיט דעם אָנטייל פון די מיטגלידער פון קעלצער גליל: פערטשאַק און בּיקסבּוים פון סאָסנאָוויץ.

עס איז אָבּגעגעבּען געוואָרען אַ ראַפּאָרט פון דער טעטיגקייט פון דער ביזיעצטיגער קאָמענדע.

ר' יצחק קאַפּלאַן ז"ל

אַ טרויריגע ידיעה האָט זיך די וואָך אַריבּערגעטראָגען איבּער דער שטאָדט: ר' יצחק קאַפּלאַן איז נפטר געוואָרען.

ווער האָט דען נישט געקאַנט דעם ליעבּהאַרציגען, גוטמוטיגען יוד, וועלכער האָט פאַר יעדען געהאַט אַ גוט וואָרט און זייענדיג אַליין לעצטענס אין אַ געדריקטען צושטאַנד, האָט ער זיך שטענדיג בּעמיהט פאַר אַנדערע, פאַר נויטליידענדע און בּכבוד'יגע אָרימע. ער איז געווען דער אמת'ער אוהב ישראל. זייענדיג אַ גרויסער למדן און אַ פרומער יוד, האָט ער דאָך פערשטאַנען יעדען איינעם און טאָלערירט יענעמס איבּערצייגונגען; ער איז געווען אין דער פריערער קאַדענץ פּרנס פון דער יודישער קהלה.

דער נפטר איז געווען אַ זעלטענער טיפּ פון אַ יוד, וואָס ס'איז שווער צו געפינען אין דער יעצטיגער צייט און דעריבּער האָט זיין טויט אַרויסגערופען אמת'ן טרויער בּיי דער גאַנצער היגער יודישער בּעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אין די טויזענדער בּעטייליגט אין דער לויה און איהם אָבּגעגעבּען דעם לעצטען כּבוד.

אויפ'ן בּית-עולם האָט דעם נפטר מספּיד געווען דער היגער מטיף ר' יוסף שמעון קאַבּלינק, אויפרעכנענדיג זיינע מעלות און מדות.

חבל על דאבדין.

שמעון פרידמאַן נ"ע

אינדוסטריעלער און הויז=בּעזיצער

איז געשטאָרבּען אין עלטער פון 70 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט, פרייטאָג, ד. 4 ד. ח. (י"ט אייר תרצ"ד) 2 נאָכמ. פון פאַבּויטשנאַ 22.

וועגען וואָס עס זענען מודיע די אין טיעפען טרויער פערבּליבּענע

פרוי, זיהן, טעכטער, אייזעמס, שנירען און אייניקלעך.

טיעף געריהרט צוליעבּ'ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליעד ח'

דוב בּעריל בּאַלזאַם נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער פערוואַלטונגס=מיטגליד **ישעיהו** און דער גאַנצער איבּערגעבּליבּענער פאַמיליע

דער מעטאַל=צעך.

עטופי אבל אנו מודיעים על האסון שקרה לנו בהלקח אחד המיוחד שבחבורתנו ה"ה החסיד, חכם ונבון מוהר"ר

יצחק נ"ע קאַפּלאַן

שהצטיין במדותיו התרומיות והי' תמיד לאחי-עזר ולאחי-סמך לכל מי שפנה אליו, וגם בשנות חייו האחרונות שסבל יסורים של אהבה שאין בהם ביטול תורה, התעניין תמיד בגורל הבריו, ישלם ה' פעלו וישלח נחומים למשפחתו המתאבלת ולנו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

המתפללים בּביה"חס דפילץ

רחוב בּערעק יאָסעלעוויטש 11.

מיר נעמען אָנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע קאַפּלאַן** צוליעבּ'ן טויט פון זייער ליעבּען מאַן און פאָטער

נ"ע יצחק

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

איזידאָר מיץ און פרוי.

ערשיטערט און פער'צער'ט בּעוויין איך דעם פּלוצלינגען טויט פון זעלטענעם מענש און האַרציגען יוד

ר' יצחק קאַפּלאַן ז"ל

און דריק אויס מיין איניגסטען מיטלייד דער פער'יתומ'טער פאַמיליע.

פ. בּלומענקראַנץ.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותינו הזמה בצערה הנורא של **משפחת קפלן** ובפרט ידידינו היקר מר **לייבּיל** בהלקה מעליהם עטרת-ראשם בעלה, אביהם הנכבד

הר' יצחק ז"ל

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבצ"וי ולא תוסיפו לדאבה עוד.

עקיבא פוגיל וישעי' לאנדו.

הנני משתתף בצערת של **משפחת קאַפלאַן** ובפרט חברי היקר **יהודה ארי'** נ"י הכהן במות עליו אביו החסיד המצוין

יצחק ז"ל

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חבירך **משה קימעלמאַן.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע קאַפּלאַן** אונזערע געאַכטעטע שכנים צוליעבּ דעם טויט פון זייער אונטערגעסליכען מאַן און פאָטער

ר' יצחק ז"ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע בּולווא.

דער **פאַמיליע קאַפּלאַן** צום טויט פון זייער ליעבּען מאַן און פאָטער

נ"ע יצחק

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

יצחק מענדיל לעווקאָוויטש און פרוי

פיהרער איבּער ארץ ישראל.

פון יוסף בּן-אדם.

פערלאַג בּוכהאַנדלונג „נאָוואָשטשי“ אין לעמבּערג.

עס איז לעצטענס ערשינען אַ פיהרער איבּער ארץ-ישראל אין דער פוילישער שפּראַך, וועלכער פּאַסט אַרום אין אַלגעמיינע אומריסען אַלע צווייגען פונ'ם יעצטיגען לעבּען אין ארץ-ישראל און גיט דעם לעזער אַ גאַנץ גוט און פּאַסיג מאַטעריאַל פון וויכטיגע ידיעות און אינפאָרמאַציעס, אויפ'ן גרונד פון וועלכע עולים און טוריסטען קענען זיך זעהר לייכט אָריענטירען וועגען די פערהעלטנישען אין ארץ - ישראל און דאָרטיגע עקזיסטענץ-מעגליכקייטען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז דער מחבר האָט בּעריקזיכטיגט די נייעסטע ציפערען, וועלכע זענען נוגע דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער ענטוויקלונג פונ'ם ישוב ווי אויך די האַנדעלס-בּעציהונגען צווישען פּוילען און ארץ-ישראל. טוריסטען און עולים געפונען אין דעם בּוך אַלצדינג, וואָס מען דאַרף וויסען, כדי נישט אַרומצובּלאָנדזען אין ארץ-ישראל ווי אין אַן'עגזאָטיש לאַנד.

פּויליש-העבּרעאישע דיאַלאָגען און אַ קליין פּויליש-העבּרעאיש ווערטער-בּוך זענען אַ גוטער וועגווייזער פאַר די עולים, וועלכע בּעהערשען נישט די העבּרעאישע שפּראַך.

הערליכע בּילדער פונ'ם ישוב זענען אַ עפעקטפול טיטול-בּלאַט, געשמאַקפול אויסגעשטאַטעט בּילדען אַ עסטעטישע ערגענצונג פונ'ם פיהרער.

דאָס בּוך וועט צונוץ קומען טוריסטען און עולים, וועלכע פאָהרען זיך קיין ארץ-ישראל. עס דאַרפען זיך אויך מיט דעם זעלבּען אינטערעסירען די מיטגלידער פון ציוניסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלען אין דעם פיהרער געפונען דעם אלף בּית פון דער ציוניסטישער און ארץ-ישראל'דיגער וויסענשאַפט.

ב. וויינבערג.

די פעלערהאַפטע ערציהונג פון דער יודישער טאָכטער.

לעצטענס איז פיעל געשריבען געוואָרען וועגען חינוך הבנות; ס'איז אויסגעוואַקסען אַ ברייטע, רייכע ליטעראַטור אין העברעאיש און יודיש וועגען דער ערציהונגס-פראַגע פון די יודישע טעכטער — פונדעסטוועגען אָבער איז נאָך, ליידער, ביז היינט-צו-טאָג נישט געלונגען אַפילו אַ טייל ווי געהעריג צו לעזען דעם דאָזיגען פראָבלעם.

בלעטערענדיג די יודישע געשיכטע, בעמערקען מיר, אַז אין פערשידענע תקופות האט די יודישע פרוי אויסגעצייכענט זיך מיט איהר גרויסער אינטעליגענץ און ערודיציע, הן אין וועלטליכע ידיעות, הן אין למודי היהדות. זיי, די יודישע טעכטער, זענען כמעט תמיד געווען די הויפט-טרעגערינ'ס פון אונזער קולטור. ביי יעדער פאָלקס-בעוועגונג, ביי יעדער סכנה, וואס האט געדראָהט דעם יודישען פאָלק, זענען זיי געווען די יעניגע, וועלכע האבען ערמוטיגט די מענער, געפלעגט און געהיטען דעם יודישען רעליגיעז-נאַציאָנאַלען גייסט, אַז ער זאָל נישט פערפעסטעט ווערען פון די אַמאָליגע פרעמדע איינפלוסען. די יודישע מוטער, זייענדיג אַדורכגעזאַפט מיט אונזער טראַדיציע, האָט בעמיהט זיך איינצופלאַנצען אין די הערצער און נשמות פון איהרע קינדערלעך ליבע, טריישאַפט און איבערגעבענהייט צו אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע קנינים. איהר איין-און-איינציגע שטרעבונג איז געווען זוכה זיין צו זעהן איהר קינד ערצויגען אַלס פעסטען הונדערט-פראָצענטיגען יוד.

אָבער — נייע צייטען, נייע לידער. לא די, וואס די היינטיגע עלטערן ערציהען נישט זייערע טעכטער אין יודישען גייסט, נור זיי ערמעגליכען זיי אַרונטערצופאַלען אונטער כל'ערליי פרעמדע שעדליכע השפעות און געפעהרליכע איינפלוסען.

נאָכמעהר: דאס דערווייטערן זיך פון יהדות, דאס נישט-וויסען די גרויסע יודישע געשיכטע, דאס נישט האבען אַפילו דעם עלעמענטאַרסטען בעגריף וועגען יודישקייט, איז, ליידער, געוואָרען אַ מין ציהרונג פאַר דער יודישער טאָכטער. וואָסערע טרויריגע רעזולטאַטען דאס קען ברענגען אין דער צוקונפט — איז דאכט זיך איבריג צו ערקלערען.

ס'איז ממש אונפערשטענדליך: אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזען, וואו דאס יודישקייט ווערט אָבגעהיטען, ווי אַן אויג אין קאָפּ, וואו אַלץ אָטעמט מיט'ן אמת'ן יודישען גייסט; וואו דער זוהן איז אַ חובש-בית המדרש און זיצט יומם ולילה על התורה ועל העבודה — אַפילו אין די דאָזיגע קרייזען לעגט מען וועניג אַכט אויף דער יודישער ערציהונג פון דער טאָכטער. מ'לערנט זי פערשידענע שפּראַכען — נור נישט העברעאיש, די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, אין וועלכער ס'זענען געשריבען אַלע אונזערע תפלות; מ'לערנט זי קלאַוויר שפּילען, טאַנצען — נור נישט אַביסעל יודישע היסטאָריע, מיט איין וואָרט: מ'לערנט אַלע חכמות אין דער וועלט, מ'„אייראָפּעאיזירט" זי הונדערטפּראָצענטיג, דאַגעגען אָבער בלייבען איהר ווילד און פרעמד די יודישע טראַדיציעס, די יודישע אמונה, אַלץ, וואס איז פאַר אונז טייער און הייליג. און עס איז נישט קיין וואונדער, וואס אַ טייל פון די יודישע טעכטער, ווערענדיג עטוואָס עלטער, פיהלען אַן אָרגאַנישע שנאה צו אַלץ און אַלעמען, וואס ס'איז נור יודיש.

אונזערע פערשידענע כלל-טוער, איבערהויפּט אונזערע געשוואוירענע קולטור-טרעגער, דאַרפען די דאָזיגע טרויעריגע ערשיינונג אין אַכט נעמען, ווארום די יודישע ערציהונג פון אונזערע טעכטער ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. אין אַ געוויסען זין און דווקא פון יודישען רעליגיעז-נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט — דאַרף מען מעהר אַכט לעגען אויף דער ערציהונג פון דער טאָכטער, ווי אויף דער ערציהונג פון זוהן. ווארום זיי, דער יונגער אונטערוואַקסענדער דור פון אונזערע טעכטער, בילדען דאָך דעם אַוואַנגאַרד פון די צוקונפטיגע יודישע מאַמעס. וואָסערע יודישע ערציהונג וועלען זיי קענען געבען זייערע קינדער — אויב דאס יודישקייט, אונזער אַלטע גייסט-רייכע קולטור וועט פאַר זיי זיין ווי אַ ספר החתום.

נעמענדיג דאס אויבענגעזאָגטע אין בעטראַכט, דאַרף געזאָרגט ווערען אונאויפהערליך, אַז דער לעהר-פּראָגראַם זאָל אַהוץ וועלטליכע למודים, רייך זיין אין אַ גאָר גרויסער מאָס אין למודי-היהדות. זעלבסטפערשטענדליך, אַז עס איז געוואונשען, דאס אַזעלכע שולען זאָלען נישט טראָגען קיין פּאַרטייאישען כאַראַקטער, ווארום דאס שטויסט אָב אַנדערע יודישע עלטערן, וועלכע געהערען צו אַן'אַנדערער פּאַרטיי.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז דער דאָזיגער עלעמענטאַרער אמת זאָל טיעף אַריינדרינגען אין די הערצער און מוחות פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס. זאָלען זיי ווידמענען מעהר אויפמערקזאַמקייט דער ספּעציפיש-יודישער ערציהונג פון זייערע טעכטער, ווארום אין געגענפאַל זענען זיי עתיד ליתן את הדין.

פ. בלומענקראַנץ.

נאָך אַ פּרוב.

(צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט).

דאס יודישע טשענסטאָכאָוו איז פאַר מיר פון תמיד אָן אַ חידה אין פיעל הינזיכטען:

אַ שטאָדט, וואס שמ'ט פאַר אַן'אַסימילאַטאָרישע און בעזיצט דעם סאַמע כאַראַקטעריסטישען שטריך פון דער יודישער פּסיכיק—נישט-דויערהאַפטיגקייט: אָנציגדען און באַלד פערלעשען זיך, אויפפלאַמען און שנעל אויסגעהן, פערכאַפּט ווערען פון אַ געוויסען געדאַנק, בעוועגונג אָדער סתם מחיה און תיכף זיך אָבקיהלען. אַ שטאָדט, וועלכע איז בעקאַנט אַלס אינטעליגענטע און איז געשלאָגען מיט דער מכה פון דורכשניטליכקייט. ס'איז נישט מעגליך אויסצורעכענען אויף איין האַנד מענשען מיט שוואונג, געז. ברען און שעפערישע פעהיגקייטען.

אַ צווייטער ביישפּיל:

יאָהרען לאַנג איז ק"ק טשענסטאָכאָוו געשטימט געווען בנוגע געז. פראַגען אידיליש. אַ ישוב, וואס שלום איז געווען אויסגעקריצט פּשוט אויף איהר פּאַהן. כלל-ישראל האט ביי די האַרבסטע פראַגען מכריע געווען. מען האט זיך תמיד פעראייניגט און געדיענט אַלס מוסטער פון געמיטליכקייט און פרידליכקייט.

איי, מ'האט דאָך געגענגעזעצטע מיינונגען, דאס איז נאַריש. שלום איז דער עיקר, פרידען איבער אַלעם.

וואָלט מען דאָך אין פלוג געקאַנט קומען צו דער מסקנה, אַז די היגע יודען זענען פעהיג צו דערהויבען זיך איבער דעם פּאַרטייאישקייט; אַז זיי שטעהען אויף אַן'אויסטערליש הויכער קולטור-מדרגה, דאס זיי זענען נישט ביכולת איינצופּאַסען אין די ראַהמען פון פּאַרטייאישע דאָקטרינען — האט אָבער דער דאָזיגער לייכטזיניגער העלקוקער במחילה אַ גרויסען טעות. והראיה — איצט, ווי זעהט היינט-צו-טאָג אויס מיט'ן בעזינגענעם שלום?

ווייטער. די טשענסטאָכאָווער יוגענד.

יוגענד, ווי דער דרך-העולם איז, צייכענט זיך אויס מיט אונטערנעהמונגס-קראַפט, געזעלשאַפטליכען דראַנג, בעגעהר אַרויפצושלאָגען זיך א. ז. וו.

ווי אַזוי אָבער עקספּלואַטירט ביי אונז די יוגענד איהר ענערגיע?

עטליכע מיידלעך מיט אַריסטאָקראַטישע נייגונגען און גרויסקייטס-מאַניע שפּילען קאָרטען אין דעם שפּראַכען-קלוב. דאס איז אַזאַ יוצא-דופן'דיג בעשעפעניש, וואס קען נאָר געבוירען ווערען אין אַ שטאָדט מיט אַזעלכע „וויטאַלע כוחות", ווי טשענסטאָכאָוו. אַנדערע עטליכע צעהנדלינג יונגע מיידלעך און יונגלעך זיצען ביי בלאַשטשינסקי'ן יעדען אָוונט ביי אַ גלעזיל וואַסער אָדער האַלבע קאַווע און שווייצען, נעביך, טאַנצענדיג; די איבריגע, דער רוב אָבער, שפּיעלט קאָרטען. און אויב נישט — האָט ער אַן'אַנדערע, זעהר טשעקאַווע בעשעפטיגונג, נעמליך: שפּאַצירען צוערשט אויפ'ן טראָטואַר אין די אַלעען רעכטס, דערנאָך אויפ'ן טראָטואַר אין די אַלעען לינקס און צום סוף אין די אַלעען אינדערמיט. די לעצטע, אונז אַלדאָס גוטס געזאָגט, דרעהען זיך אַזוי אַרום דריי שעה אויף אַלע זייטען אַלעען און געהען אַהיים מיד, פערמאַטערט און פערגעניצט.

וואָלט זיך געקענט דוכטען, אַז אויב יחידים מיט גוטען ווילען וועלען קומען צו די דאָזיגע יונגע מענשען און זאָגען: איהר געניצט, דרעהט זיך אין די גאַסען, לאָמיר עפּיס שאַפען, לאָמיר זיך צונויפקומען, כדי אַריינצובלאָזען אַ רוח החיים אין דער העפּליכער אָבגעשטאַנענקייט פון אונזער שטאָדט — וועלען אַלע פּשוט אויסשרייען: נעשה ונשמע — איז עס אַ טעות!

יחידים האָבען געפּרובט, יחידים האָבען גערופען און ס'איז גאָרנישט געוואָרען. אַ טייל צוליעב דער שולד פון די רופער גופא, אָבער אויך צוליעב די גערופענע.

וואס זענען די סיבות פון די דאָזיגע מאָדנע, נישט-לאָגישע געז. ערשיינונגען? טעמפּקייט? אַפּאַטיע? גייסטיגע דעפּרעסיע? שווערער מאַטעריעלער מצב? ווער ווייסט, אפשר אַלץ און אפשר לגמרי עפּיס אַנדערש.

* * *

די דערמאַנטע „מחשבות רעות" האָבען ביי מיר אויפסניי אויפגעטויכט אין שייכות מיט די אַנשטרענגונגען פון עטליכע מענשען צו דערהאַלטען די אָרטיגע אָבטיילונג פון דער געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט.

ס'איז שוין אַפילו אויף דער פויריגער אַלג. פערזאַמלונג פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט אַרויסגערוקט געוואָרען אַ פאָרשלאַג וועגען ליקווידאַציע, אָבער ס'זענען דאָך פערהאַן יחידים, וואס ווילען נישט לאָזען דאס איינציגע היינט-צו-טאָג קולטור-ווינקעל זאָל אונטערגעהן און שטרעבען עס צו דערהאַלטען. (הגם איך בין אין פּרינציפּ צוליעב די אָרטיגע בעדינגונגען געגען דעצענטראַליזאַציע פון דער קולטור-אַרבייט און וואָלט זיך אפשר געוואונשען צו זעהן ביי אונז אַן'אָרגאַניזאַציע, וואס זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגען פון קולטורעלער טעטיגקייט, וואָלט אָבער אין יעצטיגען מאָמענט געווען אַן'אונזין נישט בייהילפיג צו זיין צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט).

אָפּער ווידער דיזעלבע קשיא: פאַרוואס איז די געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט, וועלכע האט געצעהלט אין ערשטען יאָהר פון דער עקזיסטענץ עטליכע הונדערט מיטגלידער און געווען די שענסטע אָבטיילונג אויף דער פּראָווינץ, געגאַנגען אַזוי בליץ-שנעל מטה, מטה?

אמת, מ'קען אָנווייזען אויף סבות: נישט-פעהיגקייט פון די אָנפיהרענדע מענשען צו שאַפען די געהעריגע אַטמאָספער, אינדיפערענטיזם מצד די מיטגלידער, נישט-פערצווייגונג פון דער אַרבייט און ממילא אַן'ענגער פעראינטערעסירונגס-קרייז א. ז. וו.

אָבער דאס שנעלע פאַלען בעשטעטיגט דוקא דעם אָנגעצייכענטען אין אָנהויב שטריך, וועלכע איז ליידער אַ בעגלייטס-ערשיינונג ביי יעדער געז. אַרבייט אין אונזער שטאָדט.

* * *

אָבער צי איז דאס אַ גענוגענדער מאָטיוו צו אָבהענדיגקייט? צי דאַרף מען שוין אַפילו נישט פּרובען, אַז די פּאַסיוויטעט זאָל זיך נישט „סטאַביליזירען"?

ניין! להיפך. די איינצעלנע מענשען, וואס האָבען נאָך נישט אָנגעוואוירען דעם חשק פון פּאָזיטיווער אַרבייט, דאַרפען זיך נישט אָנשרעקען פאַר דער דאָזיגער פּשוט קרענקליכער ערשיינונג פון סנאָביזם און פּלייצעס-קוועטשעריי.

מ'טאָר נישט דערלאָזען, אַז אַ גרויסער טייל יוגענד זאָל פּשוט גייסטיג און געזעלשאַפטליך אַטראָפירט ווערען.

איין פּרוב נישט געלונגען, מאַכען דעם צווייטען. איין עקספּערימענט זיך נישט איינגעגעבען, זוכען קודם-כל ביי זיך די פעהלערן און צוטרעטען צום צווייטען, און די אַלע שפּאַצירענדע, פערגעניצטע, קאָרטען-פערטיפּטע יונגעלייט און מיידלעך וועלען סוף-כל-סוף פערשטעהן, אַז וועגעטאַציע איז דער געפעהרליכסטער סם-המות פאַר אַ יונגען מענשען.

דעריבער טאָקי זענען די בעמיהונגען פון עטליכע מענשען אויפצולעבען די געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט און פערצווייגען איינצייטיג איהר אַרבייטס-פעלד דורך אַ ברייטער קולטור-טעטיגקייט, ווערט די וואַרימסטע אונטערשטיצונג מצד איטליכען, וואס האט אַ געוויסע בעציהונג צו קולטור-אַרבייט און אַן'אינטערעס צו יודישער פאָלקס-שאַפונג.

ביי מאָגען, געדערם-בעשווערונג ברענגט אַ גרינדליכע רייניגונג פון די פערדייאונגס-אָרגאַנען 1—2 גלעזער נאַטירליך ביטערוואַסער
FRANCISZKA JÓZEFA

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

ווי אַזוי זיי מאַכען עס...

פערהאַנען געזעלשאַפטען, וואס זייערע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען געהען אַדורך שטורמיש, מיט אָפּאָזיציעס, מיט קריטיקעס, מיט געוואַלדען און כאַאָס. פערהאַנען ווידער אינסטיטוציעס, וואס זייערע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען זענען נאָר פּראָ-פאָרמאַ, ווייל דער סטאַטוט פאָדערט עס. אָט אַזאַלכע פערזאַמלונגען געהען אַדורך שטיל און איידער מען קוקט זיך אום, איז שוין נאָך דער פערזאַמלונג.

פערשטענדליך, אַז סיי די שטורמישע און סיי די רוהיגע פערזאַמלונגען ענדערן נישט די סיטואַציע פון דער געזעלשאַפט, ווייל אַלץ בלייבט ביים אַלטען, אַזוי ווי עס האט געוואָלט די לייטונג. עס ווענדעט זיך נאָר ווי אַזוי עס האָבען צו דער אינסטיטוציע אַ בעציהונג פערשידענע מיטגלידער.

פאַר מיר, למשל, איז פון פריהער אויס בעוואוסט, וועלכע פערזאַמלונג עס וועט פאָרקומען שטורמיש און וועלכע עס וועט האָבען אַ רוהיגען פערלויף, אַזוי, אַז איך קאָן גאַנץ דרייסט אָנשרייבען דעם בעריכט אין רעדאַקציע, איידער נאָך די פערזאַמלונג קומט פאָר און איך בין זיכער, אַז כ'וועל שפּעטער נאָך דער פערזאַמלונג נישט דאַרפען ענדערן קיין אות...

די לעצטע פאַר יאָהר זענען די פערזאַמלונגען פון דער באַנק ספּולדזיעלטשי געווען שטורמישע. עס האט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פערטרעטערשאַפט אין דער לייטונג מצד די האַנדווערקער, ווי אויך מצד די קליינהענדלער. די דאָזיגע פערזאַמלונגען האָבען זיך פערצויגען לאַנגע שעה'ן. לעצטענס אָבער האט זיך די לאַגע געביטען. די פראַגע וועגען דער פערטרעטערשאַפט ווערט ערלעדיגט למפרע — נאָך א שטיק פאַר דער פערזאַמלונג, אַזוי, אַז אויף דער אייגענטליכער פערזאַמלונג לעזט מען נאָר אַדורך די בערוכטען, דער עולם הויבט די הענד, מען לייגט פאַר די ליסטע פון די נייע מיטגלידער און עס ווערט אָבגעשטימט פער-אַקלאַמאַציע און — שלוס, דער פאָרזיצענדער שליסט די פערזאַמלונג און כאַפּט נאָך אַריין אַ דאַנק פאַר זיין מוסטערהאַפט פאָרזיצעריי...

דאס זעלבע איז געווען נאָר מיט אַ קליינער ענדערונג אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק. אַלץ איז פריהער בעשטימט, אָבגעשמועסט און אויף דער פערזאַמלונג פיהרט מען עס נאָר אַדורך ככתוב, אַזוי ווי עס זאָגט דער פּסוק...

איך טאַדעל נישט די דאָזיגע האַנדלונג פון אַזאַ ערלעדיגען ענינים. אונזערע נערוועז זענען צו-פיעל אָנגעשטרענגט און די צייט איז צו קריטיש, אַן מען זאָל זיך אַרומרייסען אויף די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון פינאַנץ-אינסטיטוציעס און אַריינפיהרען אַהין פּאָליטיק. אדרבה, איך בעגריס אַזאַ מין פערזאַמלונג, הלואי וואָלטען אַנדערע אינסטיטוציעס אויך אַזוי געטהון. איך בין נאָר אויסען געווען אייך צו דערצעהלען, ווי אַזוי אַלץ אין לעבען שטילט זיך איין און ווי אַזוי ווי מען מאַכט אַזעלכע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען.

עס זאָל זיין מיט מזל.

די מיטגלידער פון דער יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט האָבען צו מיר געהאַט פּרעטענציעס. הלמאי איך האָב לעצטענס קריטיקירט די טעטיגקייט פון דער אינסטיטוציע און זיי דאַדורך פערשאַפט עגמת נפש.

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע-פערזאַמלונג וואס איז פאָרגעקומען שבת-צו-נאַכטס, איז אָנוועזענד געווען אַ גרויסער עולם. עס איז אויך געקומען דער ספּעציעל-דעלעגירטער פון דער צענטראַלע אין וואַרשא ה' דובראָוויטש.

ה' דובראָוויטש, וואס איז איינער פון די געצעהלטע יודישע אינטעליגענטען, וועלכע פערנעמען זיך מיט דער יודישער לאַנדקענטשאַפט האָט ממש אַריינגעבלאָזען אַ רוח החיים אין דער שוין כמעט אָבגעשטאַנענער נשמה פון דער לאַנדקענטשאַפטס-געזעלשאַפט און עס איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ נייע —לויט מיין מיינונג—לעבעדיגע פערוואַלטונג, וועלכער ס'וועט געלונגען צוריק אויפצולעבען די דאָזיגע אינסטיטוציע.

ביי דער געלעגענהייט מוז איך אָבער אויך בעמערקען, אַז איך האָב קיינמאָל נישט קריטיקירט דעם זש. ט. ק. גלאַט לשם קריטיק, אדרבה, איך האָב זיך שטענדיג בעצויגען צו זייער אַרבייט מיט ערנסט און מיט סימפּאַטיע. בין איך דאָך געווען דער, וועלכער איז מיט די איניציאַטאָרען געשטאַנען ביים וויגעל פון דער אינסטיטוציע און געווידמעט אַ סך פּלאַץ פאַר אַלע זייערע אויפטהוען. איך וועל אויך ווייטער גערן מיטהעלפען, אַז די איינציגע אונפּאַרטייאישע קולטורעלע אינסטיטוציע אין אונזער שטאָדט זאָל פּאַקטיש קאָנען ערפילען איהרע אויפגאַבען.

אַ דאַנק קומט אויך דעם זעהר סימפּאַטישען ה' דובראָוויטש, וועלכען עס איז געלונגען צוריק אויפצולעבען די דאָזיגע אינסטיטוציע.

זאָל דער תחית-המתים זיין מיט גרויס מזל!

אַ פריהלינגס-קערמאַש.

דאס יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיום לעבט איבער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, סיי פּריוואַטע, סיי געזעלשאַפטליכע, אַ געוואַלדיגען קריזיס.

היות אָבער, ווי דאס איז אַ בילדונגס-אינסטיטוציע, וואס האט אַ ערציהערישע בעדייטונג, וועלכע איז דער ווערקשטאַט פון דער ערציהונג פון יונגען יודישען דור, וואָלט געווען אַ גרויסע עולה, אויב די דאָזיגע אינסטיטוציע זאָל מוזען ליידען און נישט קאָנען ערפילען איהרע גרויסע אויפגאַבען, האט די פערוואַלטונג איינגעאָרדענט אַ אימפּרעזע, וואס הויבט זיך אָן דעם 5 מאַי און וועט זיך ציהען עטליכע טעג א. נ. „פריהלינגס-קערמאַש". דאס וועט זיין, ווי מען שמועסט, עפּיס איינס פון די שענסטע אַטראַקציעס, וואס טשענסטאָכאָוו האט נאָך נישט געזעהן, אַז דאס וועט צוציהען אַ גרויסען עולם איז בלי ספק און במילא וועט די קאַסע פון יודישען גימנאַזיום אַביסעל געהאָלפען ווערען.

דער דאָזיגער איינפאַל פון איינאָרדנען אַ פריהלינגס-קערמאַש מיט אַזוי פיעל אַטראַקציעס וועט זיכער געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

בעקומען זיין פּסק...

אין דער היגער שטאָדטישער קרעדיט-געזעלשאַפט איז מכמה יאָהרען געווען דירעקטאָר דער בעוואוסטער היגער ענדעקישער פיהרער אַדוו. זאַוואַדזקי, מיט אַ פּענסיע — אַלע יודען געזאָגט! די וואָך זונטאָג זענען פאָרגעקומען וואַהלען אויפ'ן דאָזיגען אַמט. האָבען די יודישע מיטגלידער, ווי אויך די ליבעראַלע נישט-יודען געמאַכט אַ הלכה למעשה און אַנשטאַט דעם שונא-ישראל אויסגעוועהלט דעם ליבעראַל — דר. בילוכאָווסקי. אַדוו. זאַוואַדזקי, וועלכער איז מיטשולדיג אין דער גרויסער

„יעקב'ס מעשיות" — דאס נייע בוך פון דייטשען שרייבער טאמאס מאן.

פון א. מ. פוקס.

— 2 —

ביבלישע ווערק, דאס הייסט טעמעס, גענומען פון דער ביבעל, זענען פערהאן אין דער וועלט-ליטעראטור א היבש ביסעל. הויפטזעכליך אבער זענען דאס ביהנע - ווערק, דאס הייסט דראמעס און אפערעס מיט דראמאטישע ליעבע-קאנפליקטען פון פערשידענע ביבלישע שטופען, ווי צום ביישפיעל „שמשון און דלילה", „יהודית און הוליפורנוס", „אחשורוש און אסתר" און פיעל אנדערע. עס זענען אויך פערהאן פיעל ערצעהלונגען אויף ביבלישע טעמעס אין דער וועלט - ליטעראטור. אויך אין דער נייער העברעאישער און יודישער ליטעראטור זענען פערהאן א צאהל ערצעהלונגען און ראמאנען אויף ביבלישע טעמעס.

וואס אבער טאמאס מאן האט געשעפט פון דעם אייביגען גייסטיגען קוואל, פון דעם תנ"ך איז גאר א נייעס אין דער ליטעראַרישער וועלט, סיי ביי יודען, סיי אין דער וועלט-ליטעראטור. טאמאס מאן האט זיך פערמאסטען אין דריי גרויסע ווערק, קינסטלעריש צו שילדערן אלע מעשית פונ'ם ערשטען חומש, פונ'ם ספר בראשית הייסט עס, אנגעהויבען פון דער סדרה בראשית ביז דער סדרה ויחי.

א מאדנער איינפאל פון א דיכטער!

דער ערשטער באנד („יעקב'ס מעשיות"), וועלכער איז ערשינען און וועלכער האלט העכער פינף הונדערט זייטען, ענדיגט ערשט מיט דער סדרה „וישלח", ווען רחל שטארבט ביי דער געבורט פונ'ם יונגסטען זוהן בנימין אינמיטען וועג נעבען אפרת און ער איז זי מקבר אויפ'ן וועג קיין בית לחם.

אין א גרויסער הקדמה צו דעם בוך וועלכע איז אליין פאר זיך אנ'אונגעהויערע וויכטיגע ביבעל-פארשונג און וועלכע דער דיכטער רופט אן איראניש: „העלענפארט" (א רייזע אין גיהנום), ווייל אזוי שווער איז איהם אנגעקומען דאס שטודיום פון די ביבלישע קוועלען, ערצעהלט ער ווי שווער און ערנסט ער האט געמוזט ליטעראריש ארבייטען, ביז די שילדערונגען פון די עטליכע פרשות חומש זענען איהם קינסטלעריש געראטען.

די ריזיגע ארבייט האט זיך דעם דיכטער אבער געלוינט, ווייל דער ערשטער באנד פון דעם ווערק איז באמת אנ'אונגעהויער גייסטיגער אוצר פון העכסטער וויכטיגקייט, וואס האט צו זיך באלד קיין גלייכען נישט אין דער וועלט-ליטעראטור.

די הויפט-„העלדען" פון דעם ראמאן „יעקב'ס מעשיות" זענען די אבות פון חומש: אברהם, יצחק און יעקב, עשו, לבן, שרה, רבקה, רחל און לאה. די האנדלונגען זענען די בעקאנטע לעגענדעס, וועלכע ווערען דערצעהלט אין די ערשטע סדרות פון ספר בראשית, נישט מעהר, טאמאס מאן שילדערט דאס לעבען פון די אבות גאנץ גרונדליך און אין מאדערנער בעלעטריסטישער פארם, פון העכסטער ווארט - קונסט, אויספיהרליך און מיט אלע פיטשעווקעס, אזוי צו זאגען. עס זענען א רייה לעבעדיגע בילדער געמאהלען מיט די וואונדערבארסטע פארבען פון אריענטאלישען לעבען אין די אלטע צייטען און געשילדערט מיט א ריזיגער איינבילדונגס-קראפט, וועלכע נאר אזא ווארט-קינסטלער ווי טאמאס מאן פערמאגט.

די מעשיות פון אברהם אבינו, ווען ער בעזעצט זיך אין לאנד כנען מיט זיין ווייב שרה, דאן די מעשיות פון יצחק מיט רבקה'ן, יעקב מיט עשו'ן, יעקב און לבן הרמאי מיט זיינע טעכטער רחל און לאה א. אז. וו. אין די דאזיגע שילדערונגען פונ'ם לעבען פון די חומש אבות האט טאמאס מאן אריינגעלעגט די מאדערנע אידעען און אידעאלען פון אונזער צייט. עס איז ווי א היסטארישער ראמאן מיט מאדערנע פראבלעמען. אזוי, צום ביישפיעל, אין דעם קאפיטעל „אברהם געפונט זיין גאט", אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די עקדה, די קרבנות מיט דעם מזבח מיט די מלאכים, אין א רעאליסטישער פארם, אבער מיט א מיסטישען הינטערגרונד, זוכט דער דיכטער אויך צו לעזען די רעליגיאנס-פילאזאפישע און גאט-זוכערישע פראגען און פראבלעמען פון אונזער היינטיגער צייט.

אדער אין דעם קאפיטעל, ווי אזוי יעקב נארט אויס די בכורה ביי זיין ברודער עשו, געפינען מיר דעם קאמף פון דעם גייסטיגען מענש, וועלכער טראגט אין זיין נשמה אחריות'ן פאר העכערע מענשליכע ציעלען און אידעאלען, געגען דעם פראסטען נאטור-מענש, דעם גראבען יונג, וועלכער לעבט בלויז פאר זיינע אייגענע צוועקען און וועלכער בעזיצט אבער די מאכט אין זיינע הענד, א בכורה, א הערשאפט, און דאס גלייכען. יעקב'ס גייסטיגע שטרעבען איז צו זיין דער גרינדער פון א פאלק, וואס זאל דערפולען די וועלט מיט גאט-דערקענטניש, מיט אידעאלען פון העכערען גייסטיגען לעבען. זיין געדאנק פליהט אין די הימלען פון צוקונפטס-אידעאלען און מענשהייטס-אידעען. ער מוז האבען צו דעם צוועק די ברכה פונ'ם פאטער יצחק; אבער די בכורה אויף צו בעקומען די ברכה האט נישט יעקב, נאר דוקא דער ערד-מענש עשו, וואס ווייסט נישט פון העכערע גייסטיגע שטרעבונגען און ברויך דערום נישט די בכורה און די ברכה. ער מעג זי גאנץ רוהיג פערקויפען פאר א טאפ לינזען, די בכורה, דעם, וועלכער ברויך זי אין די אינטערעסען פון העכערע ענינים, אין די אינטערעסען פון גייסטיגע ציעלען און מענשהייטס אידעאלען.

די גרונד-אידעע פון דעם גאנצען חומש-ווערק פון טאמאס מאן איז איבערהויפט דער קאמף פון דער גייסטיגער פערזענליכקייט פאר זיינע גייסטיגע ציעלען און אידעאלען. אין די אבות פונ'ם חומש פערקערפערט טאמאס מאן יענע אור-גייסטיגע פערזענליכקייטען, יענע גאט-זוכער'ס, גאט-געפונערס, אידעען-בעשאפערס און פעלקער-בעגרינדערס, וועלכע האבען דער וועלט קולטור געגעבען דעם פונדאמענט פון צוועקמעסיגען אידעאליסטישען לעבען, דעם פונדאמענט פון די מאראלע, רעליגיאנס-פילאזאפישע און מיסטיש-טיפע לעהרען. די שילדערונגען פון זייער לעבען, לויט די חומש-לעגענדעס, זענען נישט עפיס אנדערש ווי וואונדערליך-שעהנע, ווארט-קינסטלעריש אויסגעארבייטע „אגדות", ווי מיר פערמאגען זיי אין תלמוד, אין די מדרשים און אין פיעל אנדערע הייליגע ספרים.

בעת אבער אונזער יודיש רעליגיעזע ליטעראטור איז, אינגאנצען גענומען, א פירוש, אויף דער תורה, געגלידערט בלויז אין פערשידענע בעזונדערע סיסטעמען, ווי, למשל, די שכל'דיגע ערקלערונגען פון רש"י, די געדאנקליכע רעליגיאנס-פילאזאפיע פון דעם רמב"ם, די מיסטישע גריבלענישען און ענטפלעקונגען פונ'ם זהר, האט טאמאס מאן, נישט בעריהרענדיג דאס הלכה'שע און רעליגיעזע, פעראייניגט דאס ערקלערענדע, פילאזאפישע און מיסטישע עלעמענט אין רעאליסטישען ערצעהלונגס-שטאף און געשאפען א מאדערנעם ראמאן פונ'ם לעבען פון די חומש-אבות.

וואס אבער עס איז שייך די דאזיגע „ארויסזאגעכצען" פון חומש, וואלטען זיך די בעסטע מלמדים געמעגט לערנען „ארויסזאגען" ביי עם „גוי" טאמאס מאן...

אזוי, למשל, וואלט איהר געמעגט לייענען די קאפיטלען, ווי יעקב נארט אויס די בכורה ביי עשו'ן, ווי יעקב אנטלויפט דאן קיין פדן ארם און בעגעגנט ביים ברונעם זיין פעטער לבנ'ס טאכטער, די שעהנע רחל, וועלכע פאשעט איהר פאטער'ס שאף און אין וועלכער יעקב אבינו פעליעבט זיך אויפ'ן ערשטען בליק.

רחל'ס שענהייט ווערט געשילדערט מיט אלע איינצעלהייטען. דער דיכטער פערגעסט אפילו נישט צו דערצעהלען, אז זי האט אביסעל חנ'עוודיג געשיפעלט. די ליעבעס סצענעס צווישען יעקב און רחל, יעקב'ס ליעבע-ליידען און טרוימען, ווען ער דיענט אלס פאסטוך זיבען יאהר אין לבנ'ס הויז, אום צו קריגען רחל'ן פאר א ווייב. דאן די אייפערזוכט צווישען רחל'ן און לאה'ן צוליעב יעקב'ן. אט די אלע איינצעלהייטען פון דאמאלסדיגען לעבען אין יענע לענדער ווערען מייסטערהאפט געשילדערט אין בילדער און אין סצענעס.

דער ברודער עשו איז א מאדנע פיגור, וועמען יעקב האט נישט איבעריג ליעב, א מגושמ'דיגער רויטער און האמעטענער מענש איז עשו, א גוטמוטיער, סענטימענטאלער, פערגרעבטער נאטור-מענש, וועלכער האט ליעב בלויז עולם-הזה'דיגע הנאות, ווי גוט עסען, זויפען, ווייבער, טאנצען און שפיעלען אויפ'ן פייפער, בעת יעקב איז אנ'איידעלער כאראקטער און טרוימער.

די סצענעס, ווי אזוי יעקב בעגעגענט זיך מיט עשו'ן, ווען יעקב ענטלויפט פון לבנ'ען מיט זיינע ווייבער און קינדער און טשערעדעס, יעקב'ס מורא פאר עשו'ן, זיין בוקען זיך זיבען מאל פאר'ן ווילדען נאטור מענש, דאס געשפרעך צווישען די צוויי ברידער, וועלכע פערקערפערען צוויי פערשיעדענע וועלטען; די געשפרעכען ווען עשו דערמאנט יעקב'ן די אויסגענארטע בכורה; יעקב'ס הויכע געפיהלען און טיעפע געדאנקען דערביי, און עשו'ס ווייִנען און טאנצען און פייפען און שפעטען, ווי א הפקר-יונג, זענען אזוי שעהן און לעבעדיג געמאלען, אז דער לעזער ווערט ממש ענטציקט פון בעגייסטערונג.

דוכט זיך, עס זענען נישט קיין נייע און אריגינעלע טעמעס. אבער טאמאס מאנ'ס קינסטלערישער סטיל איז אזוי שארף געשליפען, פארביג און בילדעררייך, אז די אלטע חומש טעמעס, וועלכע זענען אייך דאך גוט בעקאנט פון זינט מען איז צום שכל געקומען, ווערען ביים לעזען פערוואנדעלט אין שפאגעל-נייע וואונדערליכע ערצעהלונגען, וועלכע האבען זיך דער לעבעדיגסטער פאנטאזיע קיינמאל גארנישט געקאנט חלומ'ען, אט אזוי ווי טאמאס מאן ערצעהלט זיי אייך. עס דוכט זיך אייך א נייע זאך — דער זאפטיגער, אריגינעלער, טיעפער בעלעטריסטישער הומאר, וועלכען דער דיכטער צויבערט ארויס פון די חומש מעשיות.

דאס ווערק הויבט זיך אייגענטליך אן פון זיין ענדע, דאס הייסט, נאכדעם ווי יעקב האט שוין בעגרינדעט זיין פאמיליע און רייכע באלעבאטישקייט מיט דער ברכה פון גאט און זיין געליעבטע פרוי, רחל, איז שוין געהאט געשטארבען, דערצעהלט ער זיין זוהן יוסף, וועלכער איז דאמאלס נאך א קליין יונגעל, אבער וועלכען יעקב האט מעהר ליעב פון אלע זיינע זיהן, ווייל יוסף איז א טרוימער. אט די אלע מעשיות, וועלכע זענען מיט איהם, יעקב'ן, און זיינע אבות געשעהן ווערען געשילדערט אין דעם ווערק, קאפיטעל נאך קאפיטעל.

ווי געזאגט, איז דאס בוך דער ערשטער באנד פון דעם גרויסען ווערק. עס איז ערשט בלויז דער אריינפיהר צו דעם הויפט-ווערק, וועלכעס וועט ענטהאלטען די געשיכטע פון יוסף מיט די ברידער און די געשיכטע פון יוסף אין מצרים, ביז יוסף'ס טויט, מיט וועלכען עס ווערט אפגעשלאסען די חומש לעגענדעס פון די הייליגע אבות.

PROSZKI
«KOWALSKINA»
STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH BÓLACH GŁOWY
KONIECZNIE ZE ZNAKIEM „SERCE W PIERŚCIENIU"
FABRYKA CHEM.-FARMAC. Ap. KOWALSKI, WARSZAWA
A.K.

אנטי-יודישער העצע אין אונזער שטאדט און וועלכער איז פאטראן פון דעם בעקאנטען יודען-פרעסער אפליקאנט גיעבודעק איז אלזא געבליבען אויף דער פלייש-באנק, אהן טיטול דירעקטאר און דער עיקר — אהן דער גרויסער פענסיע.

אנדערש האט נישט געטארט און נישט געקאנט זיין. ער האט געמוזט בעקומען זיין פערדינטען פסק.

א דרייסטער שריט פון א יודישער שילערין.

אין דער 7-טער אבטיילונג פון דער פאוושעכנער שולע נומער 13 אונטער דער לייטונג פון פרל. שאכער, לערנט זיך די שילערין בלימטשא זיידמאן, וועלכע צייכענט זיך אויס אלס איינע פון די פעהיגסטע תלמידות.

היות אבער, ווי זי ענדיגט שוין היי-יאהר די שולע און קיין אויסזיכטען צו בעזוכען א מיטעל-שולע האט זי נישט, ווייל איהרע עלטערען זענען נישט פערמעגליך, האט די שילערין זיך פערטראכט אויף א דרייסטען שריט, וואס האט איהר פערזיכערט די מעגליכקייט ווייטער צו שטודירען אין א גימנאזיום.

פאר „נאווי ראק" האט זי אנגעשריבען א בריעף צום מארשאל פילסודסקי, וואו זי ווינשט איהם אין א שעהנער מליצה'דיגער שפראך גליק און אלדאס גוטס צום נייעם יאהר. אין א קורצער צייט ארום האט זי בעקומען אנ'ענטפער פון פילסודסקי'ס קאנצעלאריע, אז מען דאנקט איהר הערצליך פאר איהרע גוטע וואונשען. דאס האט בלימטשען געגעבען מוט, זי זאל ווייטער קארעספאנדירען מיט'ן מארשאל'ס קאנצעלאריע, און אויף דעם 19-טען מערץ, צום געבורטס-טאג פון יוזעף פילסודסקי, האט זי אנגעשריבען א צווייטען בריעף, אין וועלכען זי וואונשט דעם מארשאל צו זיין געבורטס-טאג און גלייכצייטיג איז זי זיך מתנצל, אז זי איז ארים און איהר גרעסט גליק וואלט געוועזען, ווען מען גיט איהר די מעגליכקייט ווייטער זיך צו בילדען.

מיט א קורצער צייט צוריק איז געקומען אנ'ענטפער, אז בלימטשעס וואונש צום מארשאל איז דערהאלטען געווארען, פאר וועלכען מען בעדאנקט זיך זעהר און וועגען דער ביטע קאן זי בעקומען אינפארמאציעס אין בילדונגס מיניסטעריום. נאך איידער בלימטשע האט זיך געוואנדען וועגען דעם אין בילדונגס-מיניסטעריום, איז די וואך אנגעקומען א בריעף פון קוראטאריום, אז בלימטשע זיידמאן, שילערין פון דער 7-טער אבטיילונג פון דער פאוושעכנע שולע נומער 13, ווערט א שילערין פון מלוכה-גימנאזיום אויף קאשטשושקי גאס אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה.

די פרייד ביי דער שילערין איז אין לשער. אין דער שולע, וואו זי לערנט זיך נאך, איז זי איצט די העלדין פון טאג. אלע בעוואונדערען דעם דרייסטען שריט פון דער יודישער שילערין. אויך דער שול-אינספעקטאר, וועלכער האט וויזיטירט די שולע, האט זיך פערזענליך בעקענט מיט בלימטשע זיידמאן, אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג אויף דעם גרויסען מוט פון דער יודישער שילערין, און איז געווען צופרידען, וואס א יודיש מיידעל פון נישט-פערמעגליכע עלטערן, האט אזא תשוקה זיך צום לערנען און שפארט אן וועגען דעם אזש צו דער העכסטער פערזענליכקייט פון לאנד.

א סקארב-קוריאז.

אנדערש קאן דאס נישט אנגערופען ווערען, ווי א קוריאז, ווארום מיט'ן גלייכען שכל איז דאס ווירקליך נישט צו פערשטעהן.

די מעשה פון דער געשיכטע איז ווי פאלגענד:

דער צוקער-בעקער-ארבייטער אברהם ר. ארבייט צו ביסלעך, געוועהנליך ביי יענעם, פון צייט צו צייט א ביסעל קיכלעך. ווען ס'קומט אבער פאר די קריסטליכע חנאות, אין דעצעמבער-צייט, באקט ער פאר זיך.

דאס זעלבע איז געווען אין יאהר 1933 האט דער זעלבער ר. אויסגעקויפט דעם 9-טען דעצעמבער 1933 א פאטענט 8-טע קאטעגאריע, פאר 9 זלאטעס.

דער פאטענט איז געווען גילטיג פון 9-טען דעצעמבער 1933 ביז דעם דעם 31-טען דעצעמבער 1933, ד"ה אומגעפעהר 21 טאג. כאטש, ווי עס גיט אונז איבער ה' ר., באקט ער נאר ביז די חנאות, ד"ה ביז דעם 25 דעצעמבער, אלזא 15 טאג. ווי ערשטוינט איז אבער געווארען דער זעלבער פאטענטען-אינהאבער, ווען דער סקארב האט איהם געמאכט א חשבון, אז אין די דאזיגע 15 טעג האט ער געמאכט אנ'אברוט פון 40.000 זל. ווערטליך: פערציג טויזענד גילדען.

טענה'ט דער פעטענט (פאטענט) אזוי צו זאגען: עס איז בעוואוסט, אז מאכען פיערציג טויזענד גילדען אברוט, מוז מען ארבייטען א גאנץ יאהר, און דערביי מוז מען בעשעפטיגען כאטש א 8 אדער 9 ארבייטער. היות, ווי די דאזיגע ארבייטער זענען נישט געווען איינגעמאלדען אין דער קראנקען-קאסע, קומט איהם צו מאכען א פראטאקאל מיט א געהעריגער שטראף, אויסער וואס ער מוז צוצאהלען צום פאטענט, וועלכער דערלויבט נאר צו ארבייטען אליין. אויב ער האט ווידער אליין געארבייט, און דאס נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער פאטענט איז געווען גילטיג, דאס הייסט אויף 15 טעג, טא ווי איז מעגליך, אז מען זאל קאנען מאכען א אומזאץ פון 40 טויזענד גילדען.

דערביי דערצעהלט אונז נאך דער זעלבער ה' ר., אז צופעליג האט ער געהאט צרות מיט דעם ביסעל אויסגעבאקענע קיכלעך, וועלכע מען האט איהם נישט געלאזט פערקויפען הינטערן קלויסטער און ער איז אהיימגעקומען מיט א צובראכענעם קאפ. דעם צובראכענעם קאפ איז ער שוין מוחל, אבער פון וואנען ער וועט נעמען צו בעצאהלען פאר 40 טויזענד זלאטעס אומזאץ-שטייער, איז נישט בעוואוסט, סיידען ער וועט זיך נאכאמאל מוזען צוברעכען דעם קאפ...

נו ווי געפעלט אייך דער קוריאז?...

עס איז אדורך אהן שטורם...

די לייטונג פון יודישען שפיטאל האט, ווי ס'ווייזט אויס, גענומען אין אכט אונזער אנווייזונג בנוגע דאס אבשאפען פון די שבת'דיגע ווידזעניעס און זיך צוגעפאסט צו איהר.

אלזא, פון היינטיגע וואך אן וועלען שבת מעהר נישט פארקומען קיין ווידזעניעס אין יודישען שפיטאל און היות ווי אונזערע יודען וועלען נישט שענקען, אז מען זאל זיי מיר-נישט דיר-נישט צונעמען א מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט זייערע קרובים, איבערהויפט שבת, ווען מען קאן זיי ברענגען א שטיקעל פיש און אנדערע שבת'דיגע מאכלים, האט מען געמאכט די ווידזעניע אויף פרייטאג נאכמיטאג, ווען די פיש און די שבת'דיגע עסענס זענען שוין פערטיג. דאמאלס האסטו, ברודערקע, צייט צו קומען און אלעס אוועקצוגעבען דעם קראנקען. דאס איז געמאכט צוליעב דעם, וואס אזוי ווי עס איז פארט פרייטאג, ווען די בעל-הבית'טע איז פערנומען מיט אנגרייטען אויף שבת און דער בעל הבית מוז גהען אין מרחץ אריין, וועט במילא די פרייטאג'דיגע ווידזעניע נישט אננעמען אזא מאסען-עליה.

די שפיטאל-לייטונג האט מורא געהאט פאר א שטורם מצד די בעזוכער, וועלכע וועלען שטארק רעאגירען אויף דעם, וואס מען האט זיי אוועקגענומען דעם שבת'דיגען טאג. היות אבער ווי דאס איז געווען א נויטווענדיגקייט, האבען זיי געמאכט א פרוב, מילא, וועלען מיר זעהען, און דעם פערגאנגענעם שבת שוין נישט געמאכט קיין ווידזעניע. דער עולם האט א ביסעל פראטעסטירט, אבער אהן סכנות. עס איז אדורך אהן א שטורם, און אויב אזוי, האבען זיי שוין אויף פעסט פערשלאסען איינמאל פאר אלע מאל די שבת'דיגע ווידזעניעס אבצושאפען לעולם ועד.

לויתן.

עוזיאל יאקובאוויטש.

ל״ג בעומר.

ל״ג בעומר פאלט אויס אין אנהויב פרילינג, ווען די זון [illegible] זיך און שיקט איהרע שטראהלען מונטער און פרעהליך. אין דער גרויסער וועלט, אין דער צייט פון ספירה, צווישען פסח און שבועות, די צייט, וואס איז בעשטימט פאר לוסטיגער און געבענטשער ארבייט.

זינט דער ספרה האט בעריהרט די תבואה [illegible] דעם חג-הבכורים, דעם יום-טוב פון רייפקייט, די שמחה פון [illegible] שווע פון דער גאטס ברכה, מיט דער ברכה פון דער ערד.

אזוי האט די ספירה אויסגעזעהן אמאל, אין די ערשטע צייטען, ווען דאס פאלק האט אנגעהויבען צעהלען, אבער די שמחה איז נעשטערט געווארען. עס איז געקומען א צייט פון שווערען קאמף, מיט א מעכטיגען שונא; עס איז געקומען א צייט פון ביטערע נסיונות און גרויסע ענטוישונגען. עס איז געקומען דער לעצטער גרויסער גערא[illegible] פון בר-כוכבא געגען רוים. צו היליף דעם מוטיגען העלד האט זיך געשטעלט דער גרויסער תנא ר׳ עקיבא, דער מענש פון פאלק, וואס איז פון א פאסטוך ביי שאף דערהויבען געווארען צו א פאסטוך פון זיין פאלק; אט דער תנא האט ווידער אמאל פערבינדען די תורה מיט דער שווערד און האט זיך מיט זיינע תלמידים געווארפען אין קאמף. 24 טויזענד תלמידים האט רבי עקיבא געהאט און אלע זענען אומגעקומען אין דער צייט פון פסח ביז שבועות. נאר אין דעם אייגעם טאג ל״ג בעומר האט די שווערד גערוהט און דערפאר איז דער דאזיגער טאג בעשטימט געווארען אלס יום-טוב, אין וועלכען מען מעג זיך פרעהען.

די שווערד האט גערוהט, אבער זי [illegible]. זי איז געבליבען הענגען [illegible] וועלט, און יעדעס יאהר אין ל״ג בעומר [illegible] צום אנדענקען פון די העלדען. וואס זענען אמאל געפאלען [illegible] אויף זייער פאלק און לאנד. [illegible]

דער יום-טוב, וואס האט אבער געהאט א טיפע, סימבאלישע בעדייטונג, עס האט געזאלט אנזאגען דעם פאלק, אנזאגען דער וועלט, אז די שווערד פון בר כוכבא איז נישט געבראכען, אז זי ליגט נאר אין דער שייד און ווארט אויפ׳ן העלד, וואס וועט זי ארויסנעהמען, רייניגען און שארפען.

אין דער יעצטיגער שווערער געפעהרליכער צייט, ווען די שווערד בושעוועט אין פאכעט כסדר איבער אונזער קעפ, האט דער ל״ג בעומר א נייע בעדייטונג. היינט שפיעלען ווי דער יודישע קינדער מיט דער שווערד, מיט׳ן פייל און בויגען, אבער זיי נעהען נישט מעהר אונטער דער קאמאנדע פון א מלמד, נור אין א מיליטערישער שטרענגער קאמענדע. היינט איז דער ל״ג בעומר נישט נור א זכרון פון די אמאליגע גבורים, נאר אויך א רוף צו די קונפטיגע העלדען, וואס ווילען זיך איינשטעלען פאר׳ן כבוד און לעבען פון פאלק.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער „באנק ספולדזיעלטשי".

פערגאנגענעם זונטאג איז אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער באנק ספולדזיעלטשי, אלעע 7.

די פערזאמלונג עפענט ה׳ פ. שפירא, לויט וועמעס פארשלאג עס ווערט איינגעלאדען אלס פארזיצער ה׳ סאק, אלס בייזיצענדע די ה״ה א. ב. ראטבארד און ל. קווינטא און אלס סעקרעטאר ה׳ איצעק, וועלכער לעזט דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, וואס ווערט בעשטעטיגט.

דעם בילאנס לעזט דיר. ה׳ זאנד. ווי עס ווייזט זיך ארויס האט די באנק ריינעם פערדינסט 3800 זל. און בעזונדער 2200 זל., וועלכע געהן אויף א ספעציעלען אייזערנעם פאנד.

אויסהערענדיג די בעריכטען ווערט דער פערוואלטונג, ווי אויך דעם אויפזיכטס-ראט אויסגעדריקט אבסאלוטאריום און דעם דיר. זאנד — פולשטענדיגער צוטרוי און א דאנק פאר דער מוסטערהאפטער פיהרונג פון דער באנק.

דער בורזשעט ווערט אנגענומען אויף דער סומע פון 38 טויזענד זלאטעס. די באנק-פערפליכטונג איז געהעכערט געווארען ביז 1 מיליאן זלאטעס. אויך איז געהעכערט געווארען דער קרעדיט פאר די מיטגלידער פון 2, וואס איז געווען ביז איצט אויף 5 טויזענד זל.

דאן ווערען פער-אקלאמאציע אויסגעוועהלט אין דער פערוואלטונג: א. ב. מייטליס, אלס פערטרעטער: י. לעוואקאוויטש און י. בוגייער.

אין אויפזיכטס-ראט: ד. שווארץ, ג. ניימאן און שטרויסבערג, אלס פערטרעטער: ש. גלעוויצקי, י. אפענהיים און א. נירענבערג.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט.

פערגאנגענעם שבת אוועגד איז אין לאקאל פון דער פרל. וויינשטאק׳ס שולע, אלעע 20, פארגעקומען אן׳אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון זש. ט. ק. מיט דער בעטייליגונג פון דעם צענטראלע - דעלעגאט ה׳ דובראוויטש, וועלכער פיהרט גלייכצייטיג דעם פארזיץ און פערבעט אלס בייזיצענדע די ה״ה דיר. ליליען און ד״ר לייזעראוויטש, אלס סעקרעטאר — פ. בלומענקראנץ.

פראפ. ל. וויינשטאק גיט אב א בעריכט פון פראוויזאריום און ער טאדעלט די גלייכגילטיגקייט פון א רייה מיטגלידער, וועלכע האבען גישט געהאט קיין אינטערעס פאר דער געזעלשאפט און זי צוגעפיהרט צו אזא צושטאנד, אז עס איז ארויפגעשווימען די פראגע, אריינגעטראגען דורך פראפ. בראנדלעוויטש, וועגען ליקווידאציע.

ה׳ דובראוויטש האלט א קורצען רעפעראט וועגען די אויפגאבען פון זש. ט. ק.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה״ה בראנדלעוויטש, ש. פראנק, פרוי האראוויטש, ד״ר לייזעראוויטש, פ. בלומענקראנץ, פרוי וואסערמאן און אנד.

פון דער דיסקוסיע ווערט קלאר, אז אלע זענען דערפאר, דאס די פראגע פון ליקווידאציע זאל אראבגענומען ווערען פון טאג-ארדנונג און די געזעלשאפט, וועלכע איז די איינציגע אונפארטייאישע קולטורעלע אינסטיטוציע דארף ווערען א מאסען-ארגאניזאציע, וואס זאל שטעהן אויף דער הויך פון איהרע אויפגאבען.

עס ווערט דאן געוועהלט א פערוואלטונג פון פאלגענדע פערזאנען: ד״ר לייזעראוויטש, פראפ. וויינשטאק, פ. בלומענקראנץ, י. רזשאנשינסקי, שטיבעל, עפשטיין, ד״ר ליליען, פרל. סאלאט און י. גאלדמאן. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: גרינבוים, וואסערמאן און פראפ. בראנדלעוויטש. אין עהרענגעריכט: אדוו. ד״ר לעאן אש, א. פרץ, און י. ראזיגער. פערטרעטער: פרוי וואסערמאן און ש. פראנק.

די פערזאמעלטע דריקען אויס א הארציגען דאנק דעם ה׳ דובראוויטש פאר זיין מוסטערהאפטען אדורכפיהרען די פערזאמלונג און אויך פאר דעם, וואס ס׳איז איהם געלונגען צוריק צו בעלעבען די טעטיגקייט פון דער אזוי וויכטיגער אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט.

יהודית בערג און העניך קאן אין טשענסטאכאוו.

טשענסטאכאוו וועט האבען די מעגליכקייט צו בעוואונדערן די בעריהמטע קינסטלערין, וואס האט זיך קונה שם געווען מיט איהרע אויפטריטען אין ווארשא און פראווינץ.

די קינסטלערין וועט בעזוכען טשענסטאכאוו מאנטאג, דעם צווייטען טאג שבועות אויף איין אויפטריט.

בילעטען זענען צו בעקומען ביי ה׳ באטשאן, אלעע 6.

Zarząd Miejski w Częstochowie podaje do wiadomości pp. właścicieli nieruchomości, że od dnia 1-go maja r. b. umarzane będą opłaty wodoc. kanal. od jedno — i dwuizbowych lokali, zajętych przez bezrobotnych.

Bliższych szczegółów udzielają; Dyrekcja Wodociągów i Kanalizacji albo Stowarzyszenia Właścicieli nieruchomości.

Częstochowa, 26 kwietnia 1934 r.

Tymcz. Prezydent Miasta

(—) **J. Mackiewicz.**

אן׳אויספלוג פון זש. ט. ק.

זונטאג, דעם 6 טען מאי ד. י. קומט פאר אן׳אויספלוג קיין ראמאנאוו. איינשרייבונגען ביי י. רזשאנשינסקי, 2-טע אלעע 29.

א 5-יעהריג יונגעל ארויסגעפאלען פון א פענסטער פון ערשטען שטאק

מיטוואך נאכמיטאג איז אין זייטיגען געסעל פון נארוטאוויטשא גאס פארגעקומען א טראגישער פארפאל מיט דעם 5-יעהריגען זוהן פון דעם יאטקע-אייגענטימער גאבעל. דאס יונגעל איז אין א געוויסען מאמענט ארויסגעפאלען פון א פענסטער פון ערשטען שטאק און פאלענדיג אויף די שטיינער פון ברוק איז ער פערוואונדעט געווארען אויפ׳ן קערפער און בעקומען א מח-ערשיטערונג. דער קרבן פון אומגליקליכען פארפאל איז איבערגעפיהרט געווארען אין יודישען שפיטאל.

הערט! דעטייל!

אפאנקעס, וויאטרובקעס, ווי אויך פלעטשאנקעס, ווייסע טעניס-שיך ספארט און טראמפקעס (פע-פע-גע)

צו בעקומען צו פאבריקס-פרייזען ביי

Z. Langner, Aleja 10

Częstochowa.

געגרינדעט א ל.א.פ.פ.-קרייז ביים טשענסטאכאווער „ברית - החייל".

לויט דער איניציאטיוו פון ה׳ ד. ערליך איז ארגאניזירט געווארען אן׳אבטיילונג פון ל. א. פ. פ. ביים היגען „ברית-החייל".

די ארגאניזיר-פערזאמלונג איז פארגעקומען שבת, דעם 28 פ. ה. אין דער אנוועזענהייט פון אינסטרוקטאר פון ארטיגען ל.א.פ.פ., פאר. סטרזשעלעצקי.

די פערזאמלונג האט געעפענט ה׳ ערליך, ערקלערענדיג אין קורצע ווערטער די בעדייטונג פון ל. א. פ. פ. דאס ווארט האט דאן גענומען פאר. סטרזשעלעצקי, וועלכער האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער בעדייטונג פון אנ׳אנטי-גאז פערטיידיגונג אין פאל פון א מלחמה.

עס זענען דאן פארגעקומען וואהלען, וועלכע האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט: פארזיצער — נ. קורלאנד, וויצע פארזיצענדע — ס. מאוער, מיענטקעוויטש, גיזבר — לענקינסקי, פערוואלטונגס-מיטגלידער — ד. ערליך און ש. יארושאמבעק.

פעסטגעשטעלט די צאהל וואהלבערעכטיגטע צום שטאדט - ראט.

מיט צוויי וואכען צוריק האט דאס ביורא פון צונויפשטעלען די וואהלליסטעס בערעכענט אויפ׳ן סמך פון די מעלדונקאווע קארטעס פאר די לעצטע 18 חדשים, אז די צאהל בערעכטיגטע צו וועהלען בעטרעפט איבער 62 טויזענד פערזאן.

דאס קאנטראלירען די ליסטעס פון די לאקאטארען און די בעזונדערע הייזער האט אבער געגעבען א סענסאציאנעלען רעזולטאט. ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, אז דורך דער דערמאנטער צייט האט זיך די בעפעלקערונג פערקלענערט און די צאהל וואהל-בערעכטיגטע בעטרעפט איצט קוים 58.550. די דאזיגע ערשיינונג קאן מען נאר ערקלערען דערמיט, וואס צוליב׳ן קריזיס האט א טייל היגע שטענדיגע אדער בלויז צוגערייזטע איינוואוינער פערלאזט אונזער שטאדט, כדי אנדערשוואו צו זוכען פרנסה.

פון ספארט

באקס-קאמפען „מכבי"—„בריגאדא".

מארגען, שבת-צו-נאכטס 8 א זייגער קומען פאר אין לאקאל פון „מכבי" די לאנג-ערווארטעטע באקס-קאמפען צווישען די קלובען „מכבי" און „בריגאדא". די קאמפען האבען ארויסגערופען אין אונזער שטאדט א גרויסע פעראינטערעסירונג.

די באקס - מייסטערשאפטס - קאמפען פון „מכבי" אין פוילען.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, קומען פאר שבת צו-נאכטס דעם 12 מאי און זונטאג, דעם 13-טען מאי ביי אונז אין טשענסטאכאוו די באקס-מייסטערשאפטס-קאמפען פון „מכבי" אין פוילען. דער טורניר ווערט איינגעארדענט אין טשענסטאכאוו צוליב דער פאפולאריטעט פון באקס אין אונזער שטאדט און די ארגאניזאציע איז געווארען אנפערטרויט דעם היגען י. ט. ס. פ. „מכבי", וועלכע בעזיצט אליין א שטארקע באקס-מאנשאפט.

אין די מייסטערשאפטס-קאמפען נעמען אנטייל די בעסטע יודישע באקסער-מאנשאפטען אין פוילען. ספעציעל שטארק וועט זיין אין די קאמפען פערטרעטען דער קלוב „חשמונאי" פון לעמבערג, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט בעת די באקס-מייסטערשאפטס-קאמפען פון „מכבי" אין לעמבערג אין פערגאנגענעם יאהר און דער קלוב „מכבי" פון ווארשא.

„מכבי" — „גוויאזדא" 0:3 (0:0).

פערגאנגענעם שבת איז פארגעקומען א פוטבאל-מעטש וועגען דער מייסטערשאפט פון קלאס „בע" צווישען די אויבענדערמאנטע קלובען. דער פערלויף פון מעטש איז געוועזן זעהר אינטערעסאנט, טראץ דער כסדר׳דיגער איבערמאכט פון „מכבי". די טויערן האבען געשאסען: רזעזאק, גרונדמאן און סעצעמסקי.

מיט׳ן דאזיגען זיעג האט „מכבי" זיך דערוויילע ארויסגערוקט אויפ׳ן ערשטען ארט אין דער טאבעלע.

„מכבי"-2 — „גוויאזדא"-2 0:3.

פאר דעם אויבענדערמאנטען מעטש האבען געשפיעלט וועגען דער מייסטערשאפט פון קלאס „צע" די צווייטע מאנשאפטען פון „מכבי" און „גוויאזדא" און נאך אן׳אינטערעסאנטען פערלויף האט אויך די צווייטע „מכבי" געווינען אין דער פערהעלטניס פון 0:3.

WSZYSCY SPIESZĄ

dnia 5-go maja 1934 r. o godz. 9 wiecz

na uroczyste Otwarcie

Wielkiego Kiermaszu Wiosennego

w Gimnazjum Tow. Żyd. Szkół Średn.

ul. Dąbrowskiego 7.

Bazar Rozmaitości.

Wystawa eksponatów przemysłu częstochowskiego i krajowego.

Bazar. Dancing. Bridge.

Tombola. Orkiestra pierwszorzędna. Atrakcje.

Urządzenia wnętrza według projektów i pod kierunkiem pp.: Prof. Willenberga i Wattenberga.

ווארנונג.

היות ווי דער לאקאטאר משה בורגמאן קומט אונז פאר 5 קווארטעל דירה-געלד און נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר זענען אדורכגעקומען, דאס ער וועט אונז אבגעבען די דירה ביז דעם 1-טען קוויעטשען ה. י. — האט ער דעם אבמאך נישט אויסגעפיהרט. לכן ווארנען מיר איהם און ערקלערען, אז אויב ער וועט אונז אבגעבען די דירה פאר׳ן 15 מאי שענקען מיר איהם דאס דירה-געלד און וועלען איהם נאך פערגיטיגען מיט א געוויסער סומע, אויב נישט וועלען מיר אויספיהרען די עקסמיסיע און נישט צוצאהלען קיין איין גראשען.

די בעלי-בתים פון הויז, אלטער מארק 21.

2 „אייניהייטליכע" פראנטען...

מאי-שטימונגען.

אזוי ווי עס יודעלט זיך, אזוי קריסטעלט זיך — זאגט א שפריך-ווארט. און מיר זאגען, אז אזוי ווי עס בורזשואזיעט זיך, אזוי פראלעטאריעט זיך.

אמאל האט דער פראלעטאריאט געהאט טענות, הלמאי, די קאפיטאליסטישע וועלט איז אינטערנאציאנאל, איז פעראייניגט דאמאלס, ווען זי שטעלט זיך אקעגען דער רויטער געפאהר פון פראלעטאריאט, אינדערצייט, ווען דער פראלעטאריאט, וועלכער רעדט וועגען איינהייטליכען פראנט, סאלידאריטעט, „אין איניגקייט ליגט די קראפט", „פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך", פונדעסטוועגען זענען זיי, די ארבייטער, צוריסען און צושטויבט, האבענדיג עטליכע אינטערנאציאנאלען: א צווייטען, א צוויי און א האלבען און א דריטען, און מען שמועסט, אז מען געהט שוין שאפען א פירטען אינטערנאציאנאל.

ווילען מיר די דאזיגע פראלעטאריער בערוהיגען, אז נישט בלויז זיי זענען צושטויבט, נאר אויך די בורזשואזיע, און ווער שמועסט די יודישע בורזשואזיע, איז אוודאי צושפליטערט און צוריסען, און קאן זיך נישט צונויפרעדען מיט איין שפראך.

מעגליך, אז דאס איז א פועל-יוצא פון דעם פראלעטאריאט׳ס שוואכקייט. אמאל האט זיך די בירגערליכע וועלט דערשראקען פאר׳ן ארבייטער׳ס כח, האבען זיי זיך געמוזט פעראייניגען. היינט אבער, ווען דער ארבייטער-קלאס איז שוואך, קאן זיך די בורזשואזיע פערגינען דעם לוקסוס און זיך אויך שפילען אין בעזונדערע פראקציעס און זעלבסטשטענדיגער פאליטיק טרייבעריי.

אין 1919-טען יאהר איז דאס געווען, צום ערשטען שטאדט-ראט אין בעפרייטען פוילען, דאמאלס, ווען די פראלעטארישע ארגאניזאציעס זענען געווען שטארק ארגאניזירט און אויף דער יודישער גאס זענען ארויסגעטרעטען 3 פראלעטארישע פארטייען: די „פעראייניגטע", „פ. צ." און „בונד". געגען זיי האט זיך דאן פעראייניגט דאס גאנצע בירגערטום, אנהויבענדיג פון די הויז-ווירטען און ענדיגענדיג ביי די האנדווערקער, און דער רעזולטאט איז געווען, אז אלע יודישע ארגאניזאציעס האבען סך-הכל אדורכגעפיהרט 5 ראטמענער, די „פעראייניגטע" — 4, די „פ. צ." — 2 און דער „בונד" — איינעס. ביי די שפעטערדיגע שטאדט-ראטען איז דאס בירגערטום ווידער געגאנגען פעראייניגט, דער פראלעטאריאט צושפליטערט. די בורזשואזיע האט שוין דאמאלס אדורכגעפיהרט מעהר און די פראלעטאריער ווייניגער.

אלזא, דאס וואס מיר האבען ביז איצט געשריבען איז — אזוי צו זאגען — געשיכטע. איצט זאל מען א קוק טהון, ווי עס זעהט היינט אויס דער איינהייטליכער פראנט ביים פראלעטאריאט און דער איינהייטליכער פראנט ביי דער בורזשואזיע.

מאי 1934.

נאך יאהרען פון קאמף און אויסדויער, אגיטאציע און ארגאניזאציע, האט דער „איינהייטליכער" סאלידארישער פראלעטאריאט איינגעארדענט „סך-הכל" דעם 1 טען מאי 3 דעמאנסטראציעס.

1) פ. פ. ס.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס זי איז לעצטענס זעהר אבגעשוואכט, האט זי דאך נאך בעוויזען צונויפצוזאמלען טויזענדער אנהענגער אונטער איהרע פאהנען און האט אונטער איהרע פליגלען ארונטערגענומען בלויז דעם „בונד".

2) די „אונאבהענגיגע", וועלכע זענען לעצטענס זעהר אבגעשוואכט, האבען געשלאסען אן׳אבמאך מיט די רעכטע פועלי-ציון, לינקע פ. צ., הלוצים און הכשרה׳ניקעס פון דער פארמע.

3) די פראקעס אדער די ז. ז. ז. האבען געטהון א בערישע טובה און אויך דעמאנסטרירט, מקיים זייענדיג הלכות מאי-דעמאנסטראציע.

דער סך - הכל: פאראיאהרען זענען געווען 5 אדער 6 דעמאנסטראציעס און היי-יאהר נאר דריי, אבער צו קיין איינהייטליכע דעמאנסטראציע איז נאך נישט געקומען, וואס איז משמע, אז צו דעם אמת׳ן איינהייטליכען פראנט אין דער פראלעטארישער גאס איז נאך גאנץ ווייט.

ווי אזוי זעהט אויס אין דער בירגערליכער גאס ?

אט האלטען מיר ביי וואהלען צום שטאדט-ראט. די ארדינאציע איז ווייט נישט גינסטיג, אז בעזונדערע פארטייען זאלען מאכען שבת פאר זיך. ווער שמועסט ביי דער יודישער בורזשואזיע איז פון פאראויס בעשטימט, אז טאמער וועלען זיי נישט געהן פעראייניגט, האבען זיי אפילו נישט צו האפען אויף קיין פערטרעטערשאפט אין דער קאמונאלער אינסטיטוציע. פונדעסטוועגען האבען ביז-איצט אלע בעמיהונגען צו פעראייניגען די יודישע בירגערליכע גאס נישט געפיהרט צו קיין גינסטיגען רעזולטאט און דערווייל קאן מען האלטען, אז צו קיין איינהייטליכען פראנט וועט נישט קומען. די יודען, אנהויבענדיג פון די הויז-אייגענטימער, ביז די האנדווערקער האבען פראקלאמירט זייער מיטארבייט מיט דער יעצטיגער רעגירונג. קיין שום אידעאלאגישע חלוקי-דעות זענען נישטא און דא קאן נאר שפילען א ראל בלויז פערזענליכע אמביציעס, באדייאלץ פערלירען און קיין איינהייטליכען פראנט ווילען זיי נישט שאפען.

דער סך-הכל איז, אז סיי ביים פראלעטאריאט און סיי ביי דער בורזשואזיע האט דער מאי, וועלכער דארף ווירקען בערוהיגענד אויף די נערוועז, דאך נישט געהאט קיין ווירקונג. די מענשהייט איז ווילד, פערביסען, איינער דעם צווייטען קאן נישט פערטראגען און אנשטאט פריינדשאפט פון מענש צו מענש, ברידערליכקייט פון אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, טראגט זיך שנאה, האס און אבגעזונדערקייט.

פראלעטאריער, בורזשויען, אלע זענען זינדיג און סיי ביי די און סיי ביי יענע איז נאך נישט געקומען צו דער מדרגה פון זיך ארויפהויבען העכער פון זייער זינדיג, נאריש טאג-טעגליך לעבען.

ביידע פלאפלען וועגען איינהייט, סאלידאריטעט, ברודערליכקייט, פאקטיש אבער זייהען זיי צושפליטערונג און צוריסענקייט.

ווי עהנליך זענען זיי ביידע צו זיך. אזוי ווי עס פראלעטאריעט זיך, אזוי בורזשויעט זיך — דאס זענען באמת צוויי „איינהייטליכע" פראנטען...

סמאל

כעמישע פאַרבערײַ און וועשערײַ
„BENETA"
בערעק יאָסעלעוויטש 11
אונטער דער לייטונג פון אַן׳אַבסאָלווענט פון דער אינדוסטריי-שולע
100 פראָצ. גאַראַנטיע פאַר גוטער אויספיהרונג.

Świeżą krowianką
szczepi ospę ochronną
st. felczer ST. MITTLER
Piłsudskiego 7, tel. 18-04.

Patronat felczer hr. Tow Dobr. składa na rzecz te[j] ... ucji zł. 25.— dla uczczenia pamięci b. p. Reginy WAJNRYTOWEJ, członkini komitetu rodzicielskiego Ochr. Tow. Dobrocz. dla Żydów.

ראַטעוועט אייער געזונט
די וועלט-באַריהמטסטע דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז 75 % קראַנקהייטן אַנטשטייען צוליב אַבסטרוקציע.
אַ קראַנקער מאָגן איז די וויכטיקסטע סיבה פון אַנטשטיין פון קראַנקהייטן, - פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט אַ שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.
ZIOŁA Z GÓR HARCU
D-ra LAUERA
ווי עס האָבן פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָקטוירים, זענען זיי אַן אידעאַל מיטל פאַר נעזונט מאַכן דעם מאָגן, באַזייטיקן אַבסטרוקציע. זענען אַ לייכט דורכרייניקונג-מיטל. פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די פאַרדייאונג-אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפעטיט.
ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA
באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער, העמאָרידן-ליידן, רעומאַטיזם, און אַרטעריעסקלעראָזיס.
די פּרייז פון אַ שאַכטל 1.50 זל.;
אַ דאָפּעלט-שאַכטל 2.50 זל.
צו בעקומען אין אַפטייקן און אַפטייק-סקלאַדן.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K. Kosteckiego
w lokalu własnym Waszyngtona 6, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna
שבת 5 מאי 8 אָוענד פראַקטישע לעקציע
פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדן שבת
אָוענד. לעצטע מוזיק - שלאַגערס. בילינגע פּרייזן.

ענטשולדיגונג.

אַלס סימן פון חרטה פאַר מיין נישט-טאַקטישער האַנדלונג לגבי דער מאַגאַזין-שניידער-סעקציע ביים האַנדווערקער-פעראיין, שפענדע איך 10 זל. פרייוויליג און ערקלער, דאָס מעהר וועט אַזאַלפעס נישט פּאַסירען.

יעקב עסטרייך

Mydło Bebe Szofmana - אידעאַל פאַר קינדער און דערוואַקסענע

נישט-צושטאַנד געקומען דער איינהייטליכער יודישער פראָנט צו די שטאָדט-ראַט וואַהלען.

ווי ס׳איז אונזערע לעזער שוין בעוואוסט פון די פריהערדיגע נומערן פון אונזער צייטונג, האָבען זיך ביי אונז אין שטאָדט געגרינדעט אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואחלען צום שטאָדט-ראַט צוויי יודישע וואַהל-קאָמיטעטען: דער „ווירטשאַפטליכער בלאָק" און דער „אַלגעמיינער יודישער וואַהל-קאָמיטעט". דער ערשטער נעמט-אַרום דעם סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין, הויז ווירטען-פעראיין, קליינהענדלער-פעראיין אַלעע 8, מזרחי און אַלגעמיינע ציוניסטען. אין צווייטען ווידער גרופּירען זיך: דער האַנדווערקער-פערבאַנד, קליינהענדלער ב. יאָסעלעוויטשא 9, אגודה, דעמאָקראַטען, רעוויזיאָניסטען, יודענשטאַטס-פאַרטיי, פעראיין פון נ. אַנטייל-נעמער אין די פרייהייטס-קאַמפען א. א.

אַזוי ווי דאָס ענטשטעהן פון צוויי וואַהל-קאָמיטעטען שוואַכט אָב די יודישע שאַנסען ביי די וואַהלען, ווייל ביי אַזאַ צושפּליטערונג פון די כחות קענען מיר בעקומען נור אַ 3—4 מאַנדאַטען, אינדערצייט ווען ביי אַן׳איינהייטליכען פראָנט איז מעגליך אַריינצופיהרען 8 יודישע ראַטמענער אין שטאָדט-ראַט, האָט אַדוו. קאָנאָרסקי אונטערגענומען אַן׳אַקציע צו פעראייניגען ביידע וואַהל-קאָמיטעטען און צו שאַפען אַן׳איינהייטליכען יודישען פראָנט.

כדי די פעראייניגונג אַדורכצופיהרען איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ געמיינזאַמע פערשטענדיגונגס-קאָמיסיע, וועלכע האָט אָבגעהאַלטען עטליכע קאָנפערענצען. אין דער לעצטער מינוט אָבער זענען די אונטערהאַנדלונגען איבערגעריסען געוואָרען און צו דער אַזוי געוואונשטער פעראייניגונג איז נישט געקומען.

אויב אַלזאָ די לאַגע וועט זיך נישט ענדערן צום גוטען אין משך פון די נאָהנטסטע טעג, וועלען מיר האָבען 2 יודישע וואַהל-קאָמיטעטען, וואָס קאָן גורם זיין דערצו, אַז דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו זאָל ליידען אַ גרויסען דורכפאַל ביי די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט.

פון דער יודענשטאַטס-פאַרטיי

מעלדעט מען, דאָס לויט דעם בעשלוס פון דער לעצטער פאַרטיי-ראַט-סעסיע אין ווארשא מוזען אַלע חברים זיין פערזעהן מיט געהעריגע פאַרטיי-לעגיטימאַציעס. די לעגיטימאַציעס זענען צו בעקומען אין סעקרעטאַריאַט יעדען טאָג פון 8 30 ביז 10 אָוענד.

זונטאַג, דעם 5 ד. ח. קומט פאַר אַן׳אויספלוג צום קיבוץ „גרוסמניה" אין בלעשנאַ פאַר חברים און סימפּאַטיקער. צוזאַמענטרעף-פונקט 8 30 פריה אין לאָקאַל פון דער יודענשטאַטס-פאַרטיי פּילסודסקי 21.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

נאָך דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג איז דער נייער ועד צוגעטרעטען צו ענערגישער אַרבייט און האָט בעשלאָסען אין די נאָהנטסטע טעג איינצוארדנען אַ מאַסען מיטינג מיט אַ דעמאָנסטראַציע געווידמעט דעם אָנהויב פון דער קאָלעקטיווער פעטיציע ביי אונז אין שטאָדט.

רינג-קייט לטובת „קרן המושבה"

דיר. א. זיגמאַן ענטפערט דעם ה׳ ש. ניעמיראָווסקי מיט 10 זל.

אַדוו. ד"ר אַש ענטפערט דעם ה׳ ש. ניעמיראָווסקי מיט 2 זל.

נתן זלאָטניק ענטפערט דעם ה׳ מ. זעלצער און רופט אַרויס: געניאַ פּיכטענצווייג, פעלאַ באַרנשטיין, גוטאַ לאַנדוי, פאַלאַ אַראָנאָוויטש, יחיאל גאָמולינסקי, ר. שטשופּאַק, ב. הערצבערג, ש. פרידמאַן, ל. קאָטליצקי, ל. פוקס.

רבקה פוקס ענטפערט דעם ה׳ א. ערליך און רופט אַרויס: מ. יאַרקאָוויזנאַ, ל. דאַנציגער, ל. לאַנדוי, געניאַ אַלטמאַן, גוטערמאַן, אסתר גאַבעל.

ה. פרידמאַן ענטפערט דעם ה׳ א. ערליך און רופט אַרויס: בירנבוים, וואלבערג, אַלבערט.

ח. בערקאָוויטש ענטפערט דעם ה׳ ערליך און רופט אַרויס: א. וואַסערמאַן, מ. וואַהלמאַן.

קאָמ. פון טש. ברית החיל גיט 10 זל. און רופט אַרויס: וועקסלבערג, פ. איינהאָרן, י. זאַנדבערג, ל. לענקינסקי, א. פעיסאַק, אפרים שמולעוויטש, אדאָלף אַלטמאַן, יאַקובאָוויטש, מ. מאַרקאָוויטש.

ציצאָווסקי גיט 3 זל. און רופט אַרויס: ה. ל. גאַבעל, שלמה טשאַפּניק, ה. געלבער, אנשל וואַרשאָווסקי, מרדכי יאַקובאָוויטש, ה. היפשער.

בריעף אין רעדאַקציע.

ג. ה. רעדאַקטאָר!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַרטיקעל „בעקבתא דמשיחא" אין נר. 17 פון אייער צייטונג, אין וועלכען ס׳ווערט מיר פאָרגעוואָרפען, אַז איך האָב נישט ריכטיג געהאַנדעלט לגבי מיין שווער אייזיק פערענס, בעט איך אייך למען האמת צו בעריכטיגען פאָלגענדעס:

אַזוי ווי מיין מוטער, וועלכע איך האַלט אויס שוין אַ רייה יאָהרען איז ליידער לעצטענס קראַנק און זי האָט געמוזט קומען אויף אַ געוויסער צייט צו מיר זיך ערהאָלען, האָב איך מיט 2 וואָכען צוריק שבת-צו-נאַכטס געזאָגט צו ר׳ אייזיק פערענס, דאָס דורך דער צייט, וואָס מיין מוטער וועט היע זיין, מוז ער וואוינען ביי זיין טאָכטער, וועלכע האָט אַ בעקוועהמע וואוינונג און נור איין זוהן. איך האָב בעטאָנט, אַז דער פאָטער וועט זי גאָר נישט קאָסטען, ווייל איך וועל איהם מיט אַלעם בעזאָרגען.

צומאָרגענס זונטאַג ראש חדש אייר האָב איך ווי געוועהנליך איבערגעלאָזט פאַר מיין שווער מיטאָג. ווען איך בין אָבער נאָכמיטאָג אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָב איך מיך צו מיין גרעסטער ערשטוינונג דערוואוסט, אַז מיין שווער האָט פערשפּרייט אַ פּלאַטקע, אַז איך האָב איהם אַרויסגעוואָרפען פון דער שטוב. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט און ווען איך בין אַהיימגעקומען אַרום 8 אָווענד און דערזעהן, אַז מיין שווער זיצט ביים טיש און עסט ווי קיינמאָל גאָרנישט דאָס מיטאָג, וועלכעס מיין מאַן האָט איהם דערלאַנגט, האָב איך אויפגערעגט געזאָגט, אַז איך וואונש מיר נישט, דאָס מיין שווער זאָל נאָך אַזעלכע גאַסען-סקאַנדאַלען נאָך ביי מיר זיין.

צומאָרגענס מאָנטאַג, ווען מיין שווער איז אַהיימגעקומען פון דאַוונען, האָב איך איהם דערלאַנגט צו טרינקען און אַזוי ווי כ׳האָב געדאַרפט געהן אין שטייער-אַמט, האָב איך געהייסען דעם דינסט מיידעל דערלאַנגען ר׳ אייזיק׳ן פריהשטיק. ווען כ׳בין אַהיימגעקומען האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער שווער האָט דאָס פריהשטיק נישט געוואָלט עסען און איז אַוועק, הייסענדיג זיך ברענגען מאנכע זאכען צו דער טאָכטער.

אַזוי איז די געשיכטע פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט און די בייזוויליגע רכילות, וואָס מ׳האָט פערשפּרייט אין גאַס, אַז איך האָב אַרויסגעוואָרפען מיין שווער איז אַ ליגענד. דאָס איז די דאַנקבאַרקייט פאַר מיין שווערער מיה אין משך פון אַנדערהאַלבען יאָהר, וואָס איך האָב געפּלעגט מיין שווער.

צילקע פערענס.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם פּלאַץ, וועלכען מיין פאָטער האָט מיר כלומרשט געזאָלט פערשרייבען אומזיסט, איז עס נישט אמת, ווייל איך האָב איהם אַ רייה יאָהרען געצאָהלט פענסיע און דאַן האָב איך פאַר דעם פערטיל פּלאַץ אַזוי פיעל בעצאָהלט, דאָס איך בין קיין העלפט נישט אומשטאַנד צוריק צו בעקומען. בכלל איז קיינמאָל נישט געוועזן קיין רייד, דאָס איך זאָל נעמען צו זיך מיין פאָטער נאָכ׳ן טויט פון מיין ג"ז מוטער. איך האָב עס נור געטון פון מיין אייגענעם גוטען ווילען.

מיט דרך ארץ
אברהם פערענס.

אין נומער 17 פון אייער חשוב׳ער צייטונג, איז אין דעם אַרטיקעל „בעקבתא דמשיחא" געווען דערמאָנט, אַז איך האָב כלומרש׳ט אַרויסגעוואָרפען מיין מוטער אין גאַס. כדי די עפענטליכע מיינונג זאָל זיך אָבער דערוויסען דעם פאַקטישען אמת, ווייל איך געבען פאָלגענדע ערקלערונג:

שבת, דעם 21-טען פ. ח. האָט מען מיר געבראַכט מיין קראַנקע מוטער פון קאַמינסק און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר האָבען נישט קיין בעקוועמע דירה און נישט די געהעריגע בעדינגונגען, האָט מיין פרוי זיך מיט איהר פערנומען, זי געוואַשען און געפּלעגט.

עס איז נישט אמת, אַז איך האָב די מוטער אַרויסגעוואָרפען אָדער עס אפילו געהאַט בדעה צו טהון. פערקעהרט, איך האָב נאָר גערופען מיינע ברידער, אום זיך צו בעראַטען, צי עס וואָלט נישט געווען קיין פּלאַן די מוטער אַריינצוגעבען אין שפּיטאָל, כדי זי זאָל קאָנען האָבען די געהעריגע קוראַציע פון דאָקטוירים. אויף דעם האָט ה׳ הלל מאָשקאָוויטש פון ראַדאָמסק, וועלכער האָט די אַלטע באָבע אַרויסגעוואָרפען פון זיין פאָטער׳ס שטוב, פּראָוואָצירט אַ געשלעג און מיר געמאַכט אַ גרויסען שאָדען.

אַ בעוויז, אַז איך האָב געהאַט די בעסטע כונות איז דאָס, וואָס די מוטער איז ביי מיר געווען ביז דינסטאַג, ווען אַ טאָכטער האָט זי צוגענומען צו זיך און וועלכער מיר צאָהלען אַ געוויסע סומע חודש׳ליך פאַר דער אויסהאַלטונג.

די אינפאָרמאַציעס אין דער צייטונג האָבען געגעבען בייזוויליגע מענשען, מיט וועלכע מיר האָבען געשעפטליכע סכסוכים און דאָ האָבען זיי געפונען אַ וועג ווי אַזוי מיך צו קאָמפּראָמיטירען.

דאָס אַלץ, וואָס איך ערקלער דאָ קאָנען בעשטעטיגען מיינע שכנים, וועלכע זענען בעהאַוונט אין דעם גאַנצען ענין.

די דאָזיגע ערקלערונג גיב איך נאָר כדי זיך צו פערטיידיגען פאַר מענשען; פאַר גאָט, וועלכער ווייסט דעם אמת, בין איך פערטיידיגט מיט מיין טהאָט.

מיט אַכטונג
שלמה מאָשקאָוויטש

Ważne dla Pań!!
Po odbytym egzaminie organizuje się następny
komplet trzechmiesięcznej nauki pierwszorzędnego kroju, szycia i modelowania okryć
damskich, dziecięcych i bielizny przy spłacie 5 zł. tygodniowo, przy pomocy „Patron Express" prof kroju mian. dyr. paryskiej Akademji K. Lewańskiego.
Po ukończeniu świadectwa wzgl. dyplomy instrukt.
Częstochowa, II Aleja 35 m. 13.
Tamże wykonuje się modele do żurnali krajowych i zagranicznych według miary.

Szkoła Dokształcająca Zawodowa Żeńska
przy Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie
podaje do wiadomości, iż organizuje
Dwutygodniowy Kurs Dokształcający Czeladniczy
od 15 czerwca do 1 lipca b. r. dla chcących przystąpić do egzaminu dle eksternistek.
Zapisy przyjmuje kancelarja przy ul Wilsona 18 od godziny 18-ej do godz. 20-ej.
LICZBA UCZESTNICZEK ŚCIŚLE OGRANICZONA.

URODONAL
Zwalcza reumatyzm podagre piasek skleroze

czyśd nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstaw cielstwo Warszawa, Fredry 4.

זאָלען אַלע וויסען, אַז ביים בעקאַנטען טאַפּעציר׳ער
יודל שניידער, אַלעע 2 רוג נייער מאַרק.
איז ביליגער ווי איבעראַל צ"ב
אַ פּאָר מאַטראַצען 55 זל.
אַ קאָזעטקע „ 25
אַ טאַפּטשאַן „ 55
גאַראַנטירטע אַרבייט.
שנעל. רעיעל. סאָליד.

Kino „EDEN"
לעצטע טעג:
דער נייעסטער און הערליכסטער פּוילישער פילם!
KOCHA... LUBI... SZANUJE...
הערליכע ראָלען-בעזעצונג:
לאַדאַ האַלאַמאַ, באָדאָ, וואָלטער, פּאַגאָזשעלסקאַ, זאַרעמבינאַ, קאָנראַד טאָם, שעלאַנסקי א"א.
איבער׳ן פּראָגראַם: פאָקס-אַקטואַליטעטען און צייכנונגס-גראָטעסקע.

Kino „LUNA"
אכטונג! פון 5-טען מאַי איבער׳ן זומער-סעזאָן ביליגערע פּרייזען צו 70 און 45 גר.
מעכטיגע דראַמע אין דער לופט!
Nocny Lot
מיט דזשאָן באַרימאָר, העלען העיעס, קל. געבל, לייאָנעל באַרימאָר, מירנאַ לאָי און מאָנטגאָמערי
אַ פילם, וואָס האָט נישט זיין גלייכען!
שבת און זונטאָג 12-30 מיטאָג
אַלע פּלעצער צו 30 גראָשען
W twoich ramionach.

„ATLANTIC"
אָגראָדאָווא 14.
הערליכער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
PORT SAN DIEGO
מיט בען ליאָן, קלאָדעט קאָלבערט, ע. טאָרענס
— און —
POCHODNIA
אַ פילם פון דער פראַנצ. רעוואָלוציע.
שבת — אַ נייער פּראָגראַם.

Redaktor i wydawca: B. Bocian   Druk. B. Bocian, Aleja 6